UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 142 - Fall 2003 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2cd8k3nw

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 142(1)

**Publication Date**
2003

**Copyright Information**
Copyright 2003 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פּראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 142

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

**אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,**
**לייענער און מיטאַרבעטער**
**ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט,**
**גליק און שלום.**

***רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון "חשבון"***


**האַרבסט**
**תשס"ד**

**AUTUMN**
**2003**

# אינהאַלט

אברהם סוצקעווער: לידער ..... 3
מ. וואָלף: אַרי שטערנפעלד ..... 6
ד. וואָלפע: לידער ..... 14
צ. אייזנמאַן: באַלאַדע פון אַן עלנטן מענטש ..... 16
ל. מייזנער: עלעגיע פאַר אַ יידישן פּאָעט ..... 17
פּ. פלאָטקין: לידער ..... 20
א. שפּירא: רבקה באַסמאַן־בן־חיים - דער טרויעריק־פאַרבענקטער נאַכטיגאַל ..... 22
מ. (בן שלמה) וואָלף: דער פרויען־בונט אויף דער בערלינער "ראָזען־שטראַססע" ..... 32
ש. סימכאָוויטש: לידער ..... 38
מ. אייזענבוד: דער קלאַס פון 37־טן יאָר (דערציילונג) ..... 39
* דוד האָפשטיין־פרייז ..... 46
מ. שקליאַר: לידער ..... 49
ל. פּראַלאָוו: די באָבע יוכבד (דערציילונג) ..... 50
ג. סלוצקי־קאהן: ליד ..... 57
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ..... 58
כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ..... 59
ל-ע: צבי הירש ז"ל ..... 61
באַגריסונגען ..... 62

HESHBON
*PERIODIC LITERARY REVIEW*
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

EDITORIAL BOARD:
**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE
**Jacob Lewin**, Financial Sec'y
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN**

# חשבון
**נומ. 142**

**פּעריאָדישע שריפט**
פֿאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

**משה שקליאַר:**
רעדאַקטאָר

**ישראל גובקין:**
מיטרעדאַקטאָר

פֿאַרוואַלטונג מיטגלידער:
**יעקב לעווין, פֿינ. סעקר.**
**צבי הירש, פֿאַרוואַלטער**
**זעלדע מאַלעוויטש**
**לילקע מייזנער**
**נתן שטיינמאַן**

**58־ער יאָרגאַנג, נומער 142 • האַרבסט 2003 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפֿ.**


## צו אברהם סוצקעווערס 90־סטן געבוירן־יאָר



אין חודש יולי הייגטיקט יאָר איז דער גאון פֿון דער היינטצייטיקער יידישער דיכטונג אברהם סוצקעווער אַלט געוואָרן 90 יאָר. צוזאַמען מיט דער גאַנצער יידישער קולטור וועלט באַגריסן מיר דעם דיכטער און ווינטשן אים געזונט און נאָך לאַנגע שאַפֿערישע יאָרן!

אין שייכות מיט דער וויכטיקער דאַטע אין סוצקעווערס לעבן און אין דער יידישער ליטעראַטור, ברענגען מיר איניקע לידער פֿונעם גרויסן דיכטער.

**חשבון.**

אברהם סוצקעווער

## אויף הר הצופים

איך זוך דאָס פּימסן־קעסטעלע דער מאַמעס.
קיין מאַמע איז ניטאָ. ניטאָ קיין פּימסן...
און ס׳דאַכט: ניטאָ שוין מער קיין דלד־אמות
ווי לעצטע טורקלטויבן פֿון געזימסן –
אַוועקגעפֿלויגן. אוי, עס ווייס ניט קיינער
דעם קבר פֿון אַ טויב. איך זוך דעם בת־קול
פֿון זיידן, ווו עס רוען זיינע ביינער,
אַ סימן פֿון זיין פֿעדער, בלויז איר בליאַסקל.

←

איך זוך די זעונג, זיידע, ווו דיין פעדער
איז לופטיק ווי אַ מלאך און איז ערדיש ווי אַ צעדער.
איך זוך דיין פעדער. האָסט זי מיר באַוויזן
אין חלום אונטער אַשיקע רוינען.
און ווי לבנה ציט אַ כוואַליע ביזן
באַשערטן ברעג איר אָנהייב צו געפינען,
אַזוי געצויגן האָט זי מיך. און שפּעטער
פאַרשטאַנען האָט דיין אייניקל דעם זינען:
די פּערל אָנגעצילעטע אויף בלעטער -
די אותיות דיינע, זאָל איך ווען געפינען
און פרייען זיך: אָט זענען די פאַרשווונדער.
און אָנטאָן זיי, די אָפּגעזוכטע פּערל, מיינע קינדער.

דיין הייליק ספר איז געבליבן, זיידע,
מסתם אַן איינציקס אויף דער וועלט. עס זענען
די אַנדערע אַוועק אויף דער עקדה.
און היימיש האָט געטאָן צו מיר גענענען
דיין ספר באַלד ווי כ'האָב צו אים דערקלעטערט
אין ספרים־פעסטונג פון ירושלים
אויף הר הצופים, ווער האָט אים געבלעטערט?
אַ טויטער זיידע וואָס איך זע אויף ס'ניי אים,
צוזאַמען מיט אַ לעבעדיקן. יעדער.
ביז וואַנען איך האָב אויפגעוועקט זיך מיט "מיין זיידנס פעדער".

* * *

דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער,
פאַר זיך אַליין ווי פאַר אַ צווייטן,
פאַר אַ צווייטן ווי פאַר זיך אַליין.
דאָס אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער,
ווי זונפאַרגאַנג מיט וואָלקנס:
ווו און ווען זיך פאַרטרויען?

איך האָב פאַרברענט מיין שרייבטיש. אַ בזיון
צו בייגן זיך פאַר האָלץ, און אים פאַרביטן אויף אַ ווילדער
גערעאַנגל־נאַכט אין מידבר, ביי אַן אָדלער אין געצעלט,
ווו ס'אויג פון דער נשמה וויינט מיט בילדער
ערשטמאָליקע, וואָס מאָנען: שילדער, שילדער
פאַר זיך אַליין, ווי פאַר אַ צווייטער וועלט.

# אינעווייניק

אינעווייניק הוידעט זיך צו מיר אַ צווייגל קלאַנגען,
אינעווייניק איז ניט קיין מעטאַפאָר טייכן בלוט.

אינעווייניק זאַמלען זיך צוזאַמען
יעניקע וואָס האָבן מיך געבענטשט און ווידערשפעניקע:
מיינע גרויסע פריינד און קליינע שונאים.
אינעווייניק איז מיט זיי צוזאַמען היימיש גוט,
אינעווייניק איז ניט קיין מעטאַפאָר טייכן בלוט.

אינעווייניק זע איך זיך אַליין אויף אַ מסיבה
ווו די ווונדערמענטשן, מיינע פריינד, און זייער ליבע,
האָבן מיר געשאָנקען זייער אָטעם, אַ מינוט
איידער כ׳האָב פאַרלוירן מיינעם צווישן בייטש און רוט.
אינעווייניק איז ניט קיין מעטאַפאָר טייכן בלוט.

שטערן־שערבלעך אויף די אויגן. ס׳צאַפּלט ווו אַ וויע.
כ׳דאַנק די ווונדערמענטשן פאַר דער זכיה.
פאַרן שווייגן זייערן וואָס האָט אויף מיר גערוט.
אינעווייניק איז ניט קיין מעטאַפאָר טייכן בלוט.

# דאַרפסט נאָך באַצאָלן

דו, דער געבליבענער, דאַרפסט נאָך באַצאָלן
פאַר דאָס געוועזענע, דאַרפסט נאָך באַצאָלן
פאַר ווערטער וואָס דו האָסט אין ליפּן אין דיינע געאַקערט.
פאַר ווערטער וואָס זאָלן
ווערן אויס־ווערטער
נאָר אמתן לעבעדיק־לייבלעכע; דאַרפסט נאָך באַצאָלן,
דו, אין אַ זקן פאַרוואַנדלטער קונדס,
פאַרן תחית־המתים פון דיינע סעקונדעס.

דאַרפסט נאָך באַצאָלן
פאַר דיין קינדהייט וואָס איז ניט פאַרשווונדן,
פאַרן שפּילן אויף דיינע קלאַווישן פון ווונדן,
פאַרן קושן אַ לייב
ווען עס כאָרכלט אַ בליץ אויף אַ לאָנקע.
דו דאַרפסט נאָך באַצאָלן מיט היינטן פאַר דיינע אַמאָלן.

←

משה וואָלף

# דער "שטורמאַן פון קאָסמישע טראַסעס" – אַרי שטערנפעלד

## א.



אין 1977 האָט זיך צו מיר, דעם נאָך וויניק באַוווּסטן פּסיכיאַטער, געווענדט דער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דעם יידישן ליטעראַרישן חודש-זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד", יוסף שוסטער (ע"ה) מיט אַ ביטע - פּריוואַט גוטזעען דעם פאַרדינסטפולן אַקאַדעמיקער אַרי שטערנפעלדן אין זיין דירה, וועלכע האָט זיך געפונען אין איינעם פון די מאָליאַרישע ווינקלעך פון אַלט-מאָסקווע, ביי די אַלטע פאַטריאַרכאַלע סאַזשלקעס.

צוליב פאַרשיידענע טעמים האָט די דאָזיקע אומדערוואַרטע ביטע אַרויסגערופן ביי מיר דערשטוינונג און ניטצופרידנקייט: ערשטנס, דער פאַמיליע-נאָמען "שטערנפעלד" און דערנאָך צו, דער העברעיִשער אייגן-נאָמען "אַרי" איז פאַר מיר געווען נישט נאָר אומבאַקאַנט, נאָר אויך פאַרדעכטיק (אין יענער צייט האָבן אַלע סאָוועטישע געלערנטע, קינסטלער און שרייבער זיך באַמיט אַדאַפּטירן זייערע יידישע און העברעיִש-שטאַמיקע נעמען צו דער רוסישער אַנטראָפּאָנימיק): צווייטנס, די פאַרדינסטפולע געלערנטע האָבן זיך געהיילט אין פריווילעגירטע קליניקעס ביי די צומיינסטן באַוווּסטע פראָפעסאָרן. נאָך דעם ערשטן רוף פלעגן זיי באַזוכן און היילן

## אַלע ווערן אַלט

אַלע ווערן אַלט. און ווען סע ענדיקט זיך די אַלטקייט
ווערן מענטשן אייביק. אייביק ווייס ניט פון קיין זיקנה,
פרעגט זיך אַ טשיקאַווע שאלה: וואָס געשעט מיט מענטשן
ווען זיי ווערן אייביק, ווערן טאַקע יונג די טויטע?

וואַגלען אויף בית-עלמינס האָב איך ליב, סע טראַכט זיך דענצמאָל
וועגן טאָפּעלע מצבות: די פון שטיין וואָס אויבן
און קאַפּויערדיקע - אונטן: קונסטווערק וואָס מע זעט ניט.
זען דעם אייגענעם סקעלעט איז עמעצער דען זוכה?

אַז באַשערט וועט זיין צו זען אים ווי מע זעט אַ חבר,
אָפּטאָן וועט זיך פון בן-אדם אידעאַלע רישעות.
וויסן וועט ער וואָס דעם לעבנס קורצע טעג באַטייטן.
לאָמיר וואַרטן אויף משיחס צייטן.

זייערע פּאַציענטן אין זייערע היימען: און דריטנס, וואָס פאַר אַ סמיכות האָט דער "פּאַרדינסטפולער אַקאַדעמיקער צו סאָוועטיש היימלאַנד" - צו זיין פּאַראַנטוואָרטלעכן סעקרעטאַר?

יוסף שוסטער האָט באַמערקט מיין פּאַרלעגנהייט, און ניט וואַרטנדיק אויף מיינע פּראַגעס, ווייטער דערקלערט:

-וווּנדערט זיך ניט! אַרי שטערנפעלדס פרוי, מיינע אַ גוטע באַקאַנטע, האָט זיך צו מיר געוווּנדט מיט דער דאָזיקער ביטע. איר באַרימטער מאַן ליידט שוין אַ לאַנגע צייט פון דעפּרעסיע. ער איז זייער פּאַרדעכטיק און טרויט ניט זיינע אָפיציעלע דאָקטוירים ער איז זיי חושד, אַז זיי זענען אָנגעשטעלטע אינפאָרמערס פון דער ק.ג.ב. וועלכע באַמיען זיך דעראָבערן ידיעות וועגן זיינע עלטערן און קרובים, באַזונדערס פון די, וועלכע לעבן אין אַנדערע לענדער. ער זאָגט זיך אָפּ איינצונעמען די פּאַרשריבענע רפואות, ווייל לויט זיין מיינונג, זענען דאָס כעמישע מיטלען, וועלכע נידעריקן אַראָפּ די אויפמערקזאַמקייט, דערדריקן די פּאָרזיכטיקייט און אייגנקאָנטראָל. דעריבער בעט ער, ברענגען צו אים אַ יידישן דאָקטער "מיט אַ יידיש האַרץ", וועלכער האָט פּאַרהיט אין זיך "כאָטש אַ פונק פון יידישן גלויבן".

י. שוסטער האָט צוגעגעבן: - איך האָב איבערגערעכנט אין מיין זיכרון אַלע מיינע באַקאַנטע דאָקטוירים. און זיך באַראָטן מיט אונדזער פריינד ב.מ. (אַ מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, וועלכן איך האָב געהיילט פון דעפּרעסיע). דאָס האָט ער מיר אונטערגעזאָגט, אַז "דאָס בעסטע וועט זיין, אויב איך וועל זיך ווענדן צו אייך... אפשר וועט ער מסכים זיין אים באַזוכן".

אויסגעהאַלטן אַ פּאַוזע, האָב איך באַדאַנקט מיין באַקאַנטן פאַר דעם כבוד און צוטרוי, און צוגעגעבן, אַז איך וועל דעם ענין באַטראַכטן און וועל מאָרגן ענטפערן. ווען ב.מ. האָט באַשטעטיקט י. שוסטערס אינפאָרמאַציע און אויך געבעטן באַזוכן די דאָזיקע ביז גאָר אָרנטלעכע פאַמיליע, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין גרייט אויספילן מיין דאָקטערישן חוב.

גאַסטפריינטלעך האָט מיך באַגעגנט דעם געלערנטס פרוי, אילזע נאַומאָוונע. זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ ליכטיקן צימער - אַרי שטערנפעלדס חדר-המיוחד. פון דער זייטיקער טיר האָט זיך באַוויזן אַ מיטלוווקסיקער הדרת פּנימדיקער, רייך-אָנגעטוענער מאַן מיט אַ הויכן לומדישן שטערן, אַ רעגולערער נאָז און פולע ליפּן. מיט אַ ברייטער פּאַטריאַרכאַלישער גרויוייסער באָרד, וואָס האָט קאָנטראַסטירט מיט זיינע געדיכטע אַקוראַט פּאַרקעמטע שוואַרצע ברעמען. ער האָט מיר דערלאַנגט זיין ברייטע דלאָניע און אויף אַ ווײַלע פּאַרהאַלטן אין איר מיין האַנט. זיינע טונקל-ברוינע אויגן האָבן דורכדרינגלעך געקוקט אויף מיר. דערשטוינט האָט זייער בליק - די אויגן זענען געווען אָנגעפילט מיט אַן אומפּאַרשטענדלעך-אומגליקלעכן געפיל, טיף באַהאַלטענעם טרויער און מיט אַ פּאַרגעפיל פון עפּעס טראַגישס און אומפּאַרמיידלעכס.

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער מיך באַגריסט אויף יידיש מיט דעם לאָדזשער דיאַלעקט "באָרעך האַבאָע", און "שאָלעם אַלייכעם". און ווען איך האָב אים געענטפערט "עליכם שלום, ברוכים היושבים", האָט זיך אויף זיין פּנים צעגאָסן אַ ברייטער שמייכל:

- זעצט זיך - האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף אַ שטול נעבן זיך. "איך זייע, אַז מיין פריאַנד יוסף האָט מיך ניט אָפּגענאַרט. איך פרעיג נישט, וויאַזויע מען רופט עץ, איך וויים שוין וועגן עץ גענוג. איך האָעף, אַז מיר וועלן פאַרבלאַבן אויף לאַנג גוטע פראַנט. איר וועט זיך אין גיכן איבערצאַגן. אַז איך בין ניט מעשיגע. און, אַז די סיבה פון מאַן

ניט לוי־אַלייכעמדיקן געמיט איז ניט אָפּהענגיק פון מיע – זי ליגט אין דרויסנדיקע אומשטענדן".

פון דעמאָלט אָן און ביז זיינע לעצטע טעג האָב איך געהאַט די זכיה עטלעכע מאָל זיך זען מיט אים, זיך צורירן צו אַרי שטערנפעלדס גייסטיקע ווונדן און באַוווּנדערן די סבלנות, איידלקייט און רייכקייט פון זיין פּערזענלעכקייט.

**ב.**

"קרא לשמש ויזרח אור, ראה והתקין צורת הלבנה"
("ער האָט גערופן צו דער זון און זי האָט אויפגעשיינט,
דערזען און פאַרריכטן דער לבנהס געשטאַלט" (פון אַ תּפילה)

אַרי שטערנפעלד, געבוירן דעם 14 מאַי 1905 אין שטעטל שעראַדז, ניט ווייט פון לאָדזש (פוילן), ציט זיין ייחוס (פון טאַטנס זייט) פון דעם לעגענדאַרן יידישן פילאָסאָף, אַסטראָנאָם און דאָקטער, רבינו משה בן מימון (1135–1204).

אַריס טאַטע, אברהם שטערנפעלד, איז געווען אַ סוחר, אַ ייד אַ למדן. אין שעראַדז האָט ער געהאַט אַ שם פון אַ בכבודיקן מענטש. זיין פרוי אסתּר, אויך אַן אָפּשטאַמיקע פון די דאָרטיקע מקומות, האָט אים געבוירן דריי טעכטער און צולעצט אַ לאַנג דערוואַרטן זון, וועלכן מען האָט געקרוינט מיטן נאָמען אַרי־יעקב אין אָנדענק פון אַ קרוב, אַ תלמיד־חכם, – דעם מחבר פונעם בוך "שפת אמת" ("די שפּראַך פון אמת").

פון קינדוויַיז אָן האָט דאָס ייִנגעלע זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מעכטיקן זכרון, אויסערגעוויינטלעכן כוח הדמיון, ניט־קינדערישן שאַרפזין און חכמה. צו פיר יאָר האָט ער שוין פליסיק געלייענט עברי. אין חדר האָט ער זיך פאַרהאַלטן נאָר צוויי זמנים. אין אַ יאָר אַרום האָט ער באַהערשט חומש און רש"י. אָבער דאָס קנעלן אין חדר איז אים ניט געפעלן. שטענדיק אַ פאַרטראַכטער האָט אים געצויגן צו אַנדערע קענטענישן. אין דרויסן האָבן אים גערעגט די פאַרפּלייצטע מיט זונען־שיין, וווּנדערלעכע נאַטור־פּייסאַזשן, און די אויסטערלישע שיינקייט פונעם באַנאַכטיקן אויסגעשטערנטן הימל־רוים, באַזונדערס איז ער אָנגערעגט געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, ווי יידן, אָנגעטאָנענע אין שבתדיקע קאַפּאָטעס, מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל, האָבן מחדש געווען די לבנה. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי ווילן אַרויפפליען צו איר, און זיך דאָרט באַזעצן.

–"און פאַרוואָס נישט?" – האָט ער דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל אַ טראַכט געטאָן.

אין אַ צייט אַרום פאָרט אַריבער די משפחה קיין לאָדזש און אַרי קומט אָן זיך לערנען אין דער יידיש־פּוילישער גימנאַזיע. דאָרט שטודירט ער מיט גרויס התמדה פיזיק, מאַטעמאַטיק, פילאָסאָפיע און באַזונדערס, אַלבערט איינשטיינס רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. וועגן אַ שווערער, ניט געלייזטער אויפגאַבע ווענדט ער זיך צו דעם וועלט־באַרימטן געלערנטן מיט אַ בריוו און באַקומט פון אים אַן אויסשעפּלעכן ענטפער.

די גימנאַזיע האָט אַרי פאַרענדיקט מיט גרויס דערפאָלג.

מיט אַ פאַנטאַסטישן טרוים "אויסצובויען אַ קאָסמישע שיף" לאָזט ער זיך אַוועק אין דער וועלט אַריין. ער קומט אָן אין יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט אין קראָקע, אין אַ יאָר אַרום דערפילט ער, אַז דאָרטן וועט ער צו זיין ציל ניט דערגרייכן, אין 1924, אָן אַ גראָשן געלט, לאָזט ער זיך אַוועק קיין פּאַריז. דאָ ליידט ער פון היימלאָזיקייט און איינזאַמקייט, אַרבעט אַלס אַ טרעגער, אַ שילער אויף אַ פּרעזער־ווערקשטעל, און צום סוף, אין דער רענאָ אויטאָ־פאַבריק. – לייגט אָפּ יעדן פאַרדינטן פראַנק אויף שכר־לימוד.

אינגיכן פאַרלאָזט ער פּאַריז, פאָרט אַריבער קיין נאַנסי און קומט אָן אין מעכאַנישן

אינסטיטוט פונעם באַרימטן נאַנסיער אוניווערסיטעט. דאָ האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט דערנענטערן זיך צו זיין אויסגעטרוימטן ציל - דערלערנט אַסטראָנאָמיע און אַסטראָנאַוניק, וועלכע האָבן אים דערלויבט באַגרינדן די צווישן־פּלאַנעטאַרישע פלוגן. נאָך דריי יאָר פון זעת־אַפּיידיקער פיזישער אַרבעט און אומהויפהערלעכן שטודירן, פאַרענדיקט אַרי שטערנפעלד דעם אינסטיטוט און באַקומט אַ דיפּלאָם פון אַן אינזשעניר־מעכאַניקער. במשך פון עטלעכע יאָרן אַרבעט ער אין פאַרשיידענעם פראַנצויזישע פירמעס, פילט אויס אַ ריי וויכטיקע דערפינדונגען, און אין די פרייע פון אַרבעט שעהן איז ער ממשיך זיינע פאָרשונגען אין קאָסמאָנאַוטיק. ווערט אָנגענומען אויף דאָקטאָראַנטור אין סאָרבאָן־אוניווערסיטעט. אָבער ווען ער איז שוין גרייט געווען פאַרטיידיקן די דאָקטאָר־דיסערטאַציע, האָבן זיינע וויסנשאַפטלעכע קאָנסולטאַנטן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אויף זיך די אַחריות פאַר "אַ טעמע, וואָס איז זייער ווייט פון דער רעאַלער וויסנשאַפט".

אַן אַנטוישטער, אָבער פול מיט עקשנות צו דערפירן זיין פאַרטראַכט ביז דעם "זיגרייכן סוף",, קערט זיך אום אַרי שטערנפעלד קיין לאָדזש. ער פאַרשפאַרט זיך אין אַן ענג צימערל, און אַרבעט אָן אויפהער איבער זיין פונדאַמענטאַלן ווערק "אַריינפיר אין דער קאָסמאָנאַוטיק". אין זיין שווערער אַרבעט האָבן אים ווי ווייט מעגלעך מיטגעהאָלפן זיינע אייגענע - זיין ערשטע פרוי גוסטאַוואַ און זיין שוועסטער פראַנקאַ[1] אין 1933 איז דער ערשטער וואַריאַנט פון דעם 'אַריינפיר אין דער קאָסמאָנאַוטיק" געווען פאַרענדיקט און אַרי שטערנפעלד לאָזט זיך ווידער אַמאָל אַוועק קיין פּאַריז. דאָרטן, אין סאָרבאָן אוניווערסיטעט. אין יוני 1934, אין דער גרעסטער אודיטאָריע פון סאָרבאָן "רישעליע אַמפיטעאַטער", פאַר דעם פּלענום פון אַסטראָנאַוטישן קאָמיטעט, טרעט ער אַרויס מיט אַ פאָרטראָג - "אייניקע נייע אויסזיכטן אין דער קאָסמאָנאַוטיק". דער פאָרטראָג איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס אינטערעס. אין 1934 ווערט אַרי שטערנפעלד נאָמינירט אַלס "לאַוראַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסטראָנאַוטיק־פרעמיע א"נ פון ענאָ־פּעלטרי־הירש.

אַרי שטערנפעלדס פאָרשונגען וועגן די טראַיעקטאָריעס פון קאָסמישע פלוגן זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן און האָבן צוגעצויגן צו זיך די שטייגערנדיקע אויפמערקזאַמקייט פון פראַנצויזישע, ענגלישע, דייטשישע און באַזונדערס, פון די רוסיש־סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע קרייזן. די לעצטע, אויספילנדיק די אויפגאַבעס פון די אויסשפּירונג־אָרגאַנען, האָבן אַגיטירט און איבערגעצייגט דעם נאַיוון (און לינק־געשטימטן) "קאָסמאָס־שווימער", אַז דווקא דאָרטן, אין סאָוועטישן "גן־עדן" וועט ער קאָנען פאַרווירקלעכן אַלע זיינע פאַרטראַכטן. אין 1935 (ווי אַ סך אַנדערע, - לינע שטערן, למשל) פאַרלאָזט אַרי שטערנפעלד לאָדזש און באַזעצט זיך אויף שטענדיק אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו ער און זיין פרוי באַקומען סאָוועטישע בירגערשאַפט. ער ווערט אָנגענומען אַלס "עלטסטער אינזשעניר" - אויף דער העכסטער שטעלע פון מאָסקווער "צענטראַלן רעאַקטיוו־וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט", ווו ער גיט זיך אין גאַנצן אָפּ דער באַליבטער טעמע - די טראַיעקטאָריעס פון די קאָסמישע פלוגן.

די רעזולטאַטן פון זיינע פאָרשונגען און אַ ריי אַנטדעקונגען באַקומען אָנערקענונג

---

[1] גוסטאַוואַ, שטערנפעלדס ערשטע פרוי (געשטאָרבן אין מאָסקווע אין 1965) און זיין שוועסטער פראַנקאַ,ביידע קאָמוניסטן, האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע אידעאָלאָגישע ווירקונג, די שוועסטער מיט אַלע אַנדערע משפּחה מיטגלידער זענען אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן פון אוישוויץ.

פון די צוממיינסטן באַוווסטע געלערנטע. אין פאַרשיידענע סאָוועטישע און אויסלענדישע זשורנאַלן האָבן רעגולער זיך געדרוקט זיינע הונדערטער וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען און אינטערוויוען. אין 1937 דערזעט די שיין אין מאָסקווע זיין קרוין־בוך "אַריינפיר אין דער קאָסמאָנאַוטיק". די מומחים פון דער וויסנשאַפטלעכער וועלט האָבן עס אָפּגעשאַצט ווי אַן ענציקלאָפּעדיש ווערק, אין וועלכן אַרי שטערנפעלד האָט פּאַראַלגעמיינערט די הויפּט־ידיעות אין געביט פון די קאָסמישע פלוגן. די דאָזיקע מאָנאָגראַפיע איז אויף לאַנגע יאָרן געוואָרן אַ לערנבוך פאַר הונדערטער לערערס און צוקונפטיקע קאָסמאָנאַוטן, וועלכע האָבן זיך פאַרנומען מיט לייזן די פּראַקטישע פּראָבלעמען אויף צו באַהערשן די קאָסמישע רוימען.

די 60־ער יאָרן פונעם צוואַנציקסטן יאָהונדערט האָבן איבעראַשט די וועלט מיטן אָנהויב פון דער קאָסמישער ערע - מיט די ערשטע סאָוועטישע ספּוטניקעס און י. גאַגאַרינס לעגענדאַרן פלוג אין קאָסמאָס. די דאָזיקע עפּאָכאַלע געשעעניש האָט ווידער אַרויסגערופן אַ פאַרטיפטן אינטערעס צו אַרי שטערנפעלדס אויבן אָנגעוויזענער מאָנאָגראַפיע "אַריינפיר אין דער קאָסמאָנאַוטיק" (1934) וועלכע איז געוואָרן אַ האַנטבוך פאַר די קאָסמאָנאַוטן. אין 1974 לאָזן די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען אַרויס די צווייטע אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן ווערק.

דאָ איז כדאַי אָנצומערקן, אַז שטערנפעלדס אידעען זענען פאַר די כמעט 40 פאַרלאָפענע יאָרן ניט פאַרעלטערט געוואָרן. דער טעקסט פון דער צווייטער אויסגאַבע איז פאַרבליבן אָן שום ענדערונגען. זיי זענען באַרייכערט געוואָרן נאָר מיט עטלעכע קאָמענטאַרן און באַמערקונגען.

שטערנפעלדס ביכער זענען איבערגעדרוקט געוואָרן 85 מאָל אויף 36 לשונות אין 39 לענדער. אַ גרויסן טריומף האָט אַרי שטערנפעלדן געבראַכט זיין צווייטע מאָנאָגראַפיע "פון קינסטלעכע סאַטעליטן צו צווישנפּלאַנעטאַרע פלוגן". (1958, 1959).

אין 1958 איז אין ניו־יאָרק דערשינען אַ זאַמלבוך "סאָוועטישע ווערק וועגן קינסטלעכע סאַטעליטן און צווישנפּלאַנעטאַרע פלוגן". 140 זייטן פונעם זאַמלבוך זענען געווען פאַרפילט מיט שטערנפעלדס אַרבעטן, און נאָר אויף די פאַרבליבענע 90 זייטלעך זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אַרטיקלען פון אַנדערע 16 (!) סאָוועטישע ספּעציאַליסטן. אין 1960 באַקומען שטערנפעלדס דערפינדונגען און אַנטדעקונגען אין דער קאָסמאָנאַוטיק אַן אָפיציעלע אָנערקענונג. די סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיע אייגנט אים צו דעם ערן־טיטול Doctor honoris causa. אין 1965 (צום 60־יאָריקן געבורטסטאָג) באַערט אים די רוסיש־סאָוועטישע מלוכה מיט דעם טיטול "פאַרדינסטפולער טוער אין וויסנשאַפט און אין טעכניק". אַלס ערן־דאָקטאָר האָבן אים אויסדערוויילט עטלעכע אויסלענדישע אוניווערסיטעטן.

אין 1962 ווערט שטערנפעלד דער לאַורעאַט פון דער אַ. האַלאַבער־פּרעמיע.

אין די אַרכיוו־מאַטעריאַלן האָט זיך פאַרהיט אַרי שטערנפעלדס ענטפער־רעדע אויף דער פייערלעכער זיצונג, געווידמעט זיין 70־סטן געבורטסטאָג (מאַי 1975), אין וועלכער עס ווערט געזאָגט: "איך בין טיף גערירט און דאַנקבאַר פאַר די וואַרעמע ווערטער, וואָס זענען געזאָגט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיטן האַלבן יאָרהונדערט פון מיין וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט אין געביט פון קאָסמאָנאַוטיק... איך בין גליקלעך, וואָס מיינע אידעען וועגן קאָסמאָס זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן אין לעבן".

* * *

אַרי שטערנפעלדס שפּעריִשער וועג אין ראַטנפאַרבאַנד איז געווען ניט קיין שלימותדיקער. ער האָט זיך איבערגעריסן אין 1937, און העכער 20 יאָר ווערט זיין נאָמען ניט דערמאָנט אין די סאָוועטישע וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס. דער דאָזיקער טרויעריקער פאַקט אין שטערנפעלדס לעבן פאָדערט אַן ענטפער.

ווי ס'איז באַוווּסט זענען די דאָזיקע יאָרן געווען די שרעקלעכסטע טעראָר־יאָרן פאַר דער סאָוועטישער באַפעלקערונג, און פאַר דער יידישער - באַזונדערס. באַרעכטיקט טויכן אויף פראַגעס: ניט שוין זשע איז אויך אַרי שטערנפעלד, ווי פיל אַנדערע אויסלענדישע קאָמוניסטן, פאַרפירטע פון דער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָנגעקומענע בויען דאָס לאַנד פון "יושר און גלייכבאַרעכטיקונג", אַרעסטירט געוואָרן און האָט אָפּגעשוואַרצט זיינע יאָרן אין סטאַלינס שטראָף־לאַגערן? אָדער - איז אפשר טאַקע אמת, אַז אין יענע יאָרן איז דער אָנערקענטער גאון פון דער קאָסמאָנאַוטיק געווען געפערלעך קראַנק - רחמנאָ ליצלן. "אַראָפּ פון זינען"?

ניט דאָס און ניט יענץ! - עטוואָס נאָך ערגערס!

ג.

"ערשט געלערנט זיך זוכן און שעפּן די פרייד
אין די פאָנען פון פלעצער -
איצט זע איך געשאָכטענע שעפּסן,
איצט הער איך נאָר אַנגסטלעכע קרעכצן
(ד. האָפשטיין, "טרויער")

געווען איז דאָס אין סוף סעפּטעמבער 1937. אין מאָסקווע האָט זיך אָנגעהויבן "פּושקינס גאָלדענער האַרבסט" - די זון האָט געלויכטן, נאָר נישט געוואַרעמט. די געלע בלעטער אויף די ביימער האָבן אַלץ מער און מער גענומען פאַלן אויף די טראָטואַרן. די אַטמאָספערע איז געווען אָן אָנגעשפּאַנטע: מענטשן האָבן פאַרגיכערט זייער גאַנג - מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן געיילט, מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן. נאָר מיט אַ קאָפּ־שאָקל האָבן זיי באַגריסט איינער דעם אַנדערן און געשפּאַנט ווייטער... קיינער האָט זיך שוין



אויפן בילד: אַרי שטערנפעלד און זיין טאָכטער עללאַ (רעכטס פונעם פאָטער) מיט די גראַדואַנטן פון נאַנסיער אוניווערסיטעט. מאָסקווע, 1978 (פאָטאָ פונעם פאַמיליע אַרכיוו)

אויף דעם ניט געוואונדערט... אין די נאַכט־שעהן פלעגן אַרומפּאָרן שוואַרצע לאַסט־מאַשינען און "אַריינשלינגען" אין זיך צענדליקער און הונדערטער אומשולדיקע מענטשן. און אויך דאָס האָט שוין קיינעם ניט געוואונדערט – די באַפעלקערונג האָט געוווּסט: עס קומט פאַר אַ "רייניקונג" – אַ קאַמף מיט די "שונאים" פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָבן אונטער פאַרשיידענע "מאַסקעס" זיך אַריינגעגלידערט אין פאַרשיידענע מלוכהשע אַנשטאַלטן און אינסטיטוטן.

אין איינעם פון אַזעלכע טעג האָט אַרי שטערנפעלד, מיט אַ שווערן פאַרגעפיל זיך אַוועקגעלאָזט צו זיין אַרבעט. ביים אַריינגאַנג האָט אים אָפּגעשטעלט אַ וועכטער און געפאָדערט ער זאָל ווייזן דעם דורכלאָז־שיין. וועלכער איז באַלד פאַרשווּנדן אין זיין קעשענע. דער וועכטער האָט אים דערקלערט, אַז ער דאַרף תיכף־ומיד זיך מעלדן אין קאַדרען־אָפּטייל, ווו מען וועט אים געבן אינפאָרמירן וועגן זיין ווייטערדיקער אַרבעט. אין דעם זעלבן טאָג איז אַרי שטערנפעלד, אָן שום דערקלערונגען, באַפרייט געוואָרן פון זיין אַרבעט. און ביז צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט אַרי שטערנפעלד מער ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַרבעטן אויף וועלכער ס'זאָל ניט זיין מלוכה־אַרבעט. ער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ "נאַדאָמניק" – אַ חיים־אַרבעטער. אויף זיינע קערונגען צו די העכסטע אינסטאַנצן און צו סטאַלינען גופא, האָט ער קיין ענטפער ניט באַקומען. דאָס האָט אַרויסגערופן ביי אים אַ ביטערן ווייטיק און טיפע אַנטוישונג.

דער "ריבענטראָפּ־מאָלאָטאָוו אָפּמאַך" האָט אַרויסגערופן ביי אַרי שטערנפעלדן אַ דעפּרעסיווע רעאַקציע. ער האָט פאַרלוירן דעם אַפּעטיט, עטלעכע טעג ניט געגעסן און ניט געשלאָפן. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט קומען דער אָנפאַל פון די היטלער־חיילות אויף פּוילן. אין אָנהויב 1941 האָט ער באַקומען אַ ידיעה, אַז זיין טאַטע, מאַמע, שוועסטערס און אַלע אַנדערע קרובים זענען אַוועקגעפירט געוואָרן קיין אוישוויץ, ווו זיי זענען אומגעקומען אין די גאַז־אויוונס. די דאָזיקע ידיעה האָט פאַרטיפט זיין דעפּרעסיע. ער האָט זיך באַשולדיקט אין דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָזט זיינע עלטערן און גאָרניט אונטערגענומען באַצייטנס זיי אַרויסצופירן פון דער אָנגרייפנדיקער סכנה און ראַטעווען פון אומפאַרמיידלעכן טויט.

בעת דער מלחמה צווישן די סאָוועטן און די נאַציס האָבן די "פאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַנען" עוואַקוירט שטערנפעלדן און זיין משפחה (פרוי און צוויי טעכטערלעך) אין טיפן אוראַל, אין דער שטאָט סעראָוו, ווו דעם וועלט־באַרימטן געלערנטן האָט מען "צייטווייליק" דערלויבט אונטעריכטן פיזיק אין אַ מעטאַלורגישן טעכניקום, ניט געקוקט אויף דעם אומענדלעכן אומעט, האָט ער, אין אַן אָרעמען חדר, פאַרגעזעצט זיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען – די, מיט דער העכסטער אַסטראָנאָמישער פּינקטלעכקייט, אויסרעכענונגען פון נייע טראַיעקטאָריעס פאַר קאָסמישע פלוגן. דאָס אַלץ האָט אָבער ניט געלינדערט זיין מרה־שחורה, וואָס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג.

אומגעקערט זיך קיין מאָסקווע אין 1945, פאַלט ער אַריין אין דער פריערדיקער איזאָלאַציע. אַן ערך 20 יאָר האַלט די מאַכט דעם "אָדלער פון די קאָסמאָס טראַיעקטאָריעס" פאַרשפּאַרט אין די דלד אמות פון זיין דירה. אין 1965 באַקומט אַרי שטערנפעלד אַן איינלאַדונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַסטראָנאַוטישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט צו נעמען אָנטייל אין דער קאָנפערענץ, געווידמעט קאָפּערניקן[2]. נאָר אַ

[2] אין 1965 האָט די אַסטראָנאָמישע וועלט אָפּגעמערקט 350 יאָר זינט די קאַטוילישע קירכע האָט דערקלערט ניקאָליי קאָפּערניקן אַלס אַן הערעטיק און זיין טעאָריע "וועגן די באַוועגונגען פון די

דאַנק דער שתדלנות און ערבות פֿונעם גענעראַל־סעקרעטאַר פֿון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי וולאַדיסלאַוו גאָמולקאַ, האָבן די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען אין דער באַגלייטונג פֿון צוויי ניט באַקאַנטע "אַסטראָנאָמען" דערלויבט שטערנפֿעלדן קומען קיין וואַרשע[3]. נאָך דעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט קיין מאָסקווע האָט מען אים שוין מער פֿון זיין "שטייג" ניט אַרויסגעלאָזט. אין 1962 האָט מען אים ניט דערלויבט קומען קיין פּאַריז, וווּהין ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף צו באַקומען די פּרעסטיזשפֿילע האַלאַבער־פּרעמיע, און ווען האַלאַבער בכבודו ובעצמו איז געקומען קיין מאָסקווע, האָט מען ניט דערלויבט דעם געלערנטן זיך טרעפֿן מיט דעם אָנגעזעענעם גאַסט. אין 1968 האָט מען ווידער ניט דערלויבט שטערנפֿעלדן קומען קיין פּאַריז, וווּהין דער נאַנסיער אוניווערסיטעט האָט אים איינגעלאַדן צום איבערגעבן דעם דיפּלאָם פֿונעם טיטול "ערן־דאָקטאָר". די אייגענע סיטואַציע האָט זיך איבערגעחזרט אין אַ יאָר אַרום, ווען דער נאַציאָנאַלער פּאָליטעכנישער אינסטיטוט פֿון לאָטאַרינג האָט אים צוגעאייגנט דעם צווייטן ערן־דאָקטאָר־טיטול. און ווען די אינדוסטריעלע געזעלשאַפֿט פֿון מזרח־פֿראַנקרייך האָט אים באַלוינט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען פֿאַרהאַלטן די איינלאַדונג און געענטפֿערט די גאַסטגעבער, אַז אַרי שטערנפֿעלד איז זייער קראַנק און איז "צום באַדויערן ניט אומשטאַנד קומען צו דער דאָזיקער אויפֿנאַמע". אין 1978 איז אַ גרופּע גראַדואַנטן פֿון נאַנסיער אוניווערסיטעט געקומען קיין מאָסקווע און באַזוכט שטערנפֿעלדן אין דער היים. דאָרטן האָבן זיי אים איבערגעגעבן דעם דערמאָנטן גאָלדענעם מעדאַל.

איז דאָך ניט קיין וווּנדער, אַז נאָך אַזוי פֿיל פֿאַרפֿאָלגונגען, האָט זיך יעדעס מאָל פֿאַרערגערט זיין געזונט צושטאַנד. ניין! אַרי שטערנפֿעלד איז ניט געווען משוגע. זיינע חשדים, אַז מען שפּירט אים נאָך, זענען געווען באַגרינדעט. די פֿאַרפֿאָלגונגען האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן נאַטירלעכע דעפּרעסיע־אָנפֿאַלן. הערנדיק שטערנפֿעלדס דין־וחשבון פֿון זיין דערנערונג. איז שווער געווען ניט צו באַוווּנדערן, וויאַזוי נאָך אַזוי פֿיל פּיין און נגישותן, האָט ער פֿאַרהיט אין זיך זיינע ביז גאָר איידעלע כאַראַקטער־שטריכן – זיין גוטווייליקייט און גרייטקייט קומען צו הילף לכל דיכפֿין. אַ חוץ דעם איז אויך צו באַוווּנדערן זיין ליבע צום יידישן פֿאָלק, צו זיין קולטור און יידישן לשון, – זיין צוגעבונדקייט צו זיין געבוירן־שטעטל שעראַדז. אין איינעם אַ בריוו צו זיינע לאַנדסלייט שרייבט ער: "ווו איך זאָל ניט זיין, וועל איך אין ערגעץ ניט פֿאַרגעסן די שטילע געסעלעך פֿון שעראַדז (...)"איך געדענק גוט יעדעס הויז אויף די הויפּטגאַסן, די היסטאָרישע געביידעס פֿונעם 16־טן יאָרהונדערט, אונדזער הייפּל אויפֿן ראָג פֿונעם מאַרק־פּלאַץ..."

אין די לעצטע יאָרן האָבן אים אָנגעהויבן פּייניקן האַרץ־אַטאַקן. זיי האָבן אַלץ אָפֿטער צוגעשמידט דעם עקשנותדיקן געלערנטן צום בעט און פֿאַרקירצט זיין לעבן. אין יולי 1980 האָט שטערנפֿעלד אויסגעהויכט זיין נשמה. ער איז באַערדיקט געוואָרן אין מאָסקווע אויף דעם נאָווידיעוויטשן בית־עולם. אויף זיין מצבה שטייט אַ בראָנזענער

(המשך ז' 37)

הימלישע ספֿערן" (אַז ניט די זון דרייט זיך אַרום דער ערד, נאָר פֿאַרקערט – די ערד דרייט זיך אַרום דער זון) – האָבן זיי פֿאַרבאָטן.

[3] דאָך האָט זיך שטערנפֿעלדן איינגעגעבן באַזוכן די רעדאַקציע פֿון דער יידישער צייטונג "פֿאָלקס שטימע" און ער האָט באַצאָלט יאָר־געלט אויף ווייערדיקן רעגולערן באַקומען די צייטונג.

דוד וואָלפּע / יאָהאַנעסבורג

## א: אויף דער עלטער

אויף דער עלטער איך בלאַנדזשע אַרום אַ פאַרטראַכטער
אין שווייגיקן וואַלד פון געדענקען אַמאָליקע
זאַכן און אויף די פאַרוואַקסענע וועגן פון לאַנג
שוין פאַרגעסענע נעבכטנס זוך איך מיט אויגן
פאַרמאַכטע מיין פאַרלוירענעם גאָט  ווענען כ׳האָב
דעמאָלט איבערגעלאָזן אויף זיין באַראָט און איך
בין פאַרלאָפן אין פאַסטקעס פון געטער פון פאַלשע
זיי האָבן מיין יינגלשן ערלעכן חלום פון ליבע
און פרייהייט געקאָרמעט מיט צוזאָגן פוסטע. דאָס
נביאישע ליכט מיר פון מוח געשאָבן ווען אין
דער לופטן האָבן שוין קראָען פינצטערע־ברוינע
געקראַקעט און איבער מיין האַלדז איז שוין דער
בליציקער חלף געהאַנגען באַטוויעט מיט בלוטיקן
אָטעם נאָר איך בין אַלץ נאָך געגאַנגען מיט
גלייביקע טריט געהיפּט און געשפּרונגען אַ
פאַרדולטער פון קלאַנגען פון קופּערנע
קלויסטערשע גלעקער וואָס האָבן די בשורה
די בייזע פון ײדישע טויטן צעטראָגן - - -

## ב: מיין רויטע מאַמע

אין יענע פינצטער־שוואַרצע פאַרטאָגן בין
איך מיטן נאַקעטן גורל אין האַנט פון
מיין יידישן גורל געלאָפן און ליגן
געבליבן אויפן קאַנט פון אַזאַ גרוב
וואָס אַ מאָל האָט געהייסן קיידאַן און
אין גרוב איז געשווומען מיין מאַמע
אָנגעטאָן אין אַ רויטן צעבוואַליעטן
קלייד - אָט אַזוי קומט זי דאָ אין
די נעבט און ווישט מיר אין שלאָף
פונעם פנים די טרערן און אויף
איר הייליקן קאָפּ זיך שיטן פון

פאַרהוילענע הימלען רויט־רויטע
די שטערן זי נעמט מיך מיט איר
וואַרעמער ליבשאַפט אַרום און מיר
וויינען־זיך־צוזאַמען און איך
פליסטער: אָ, מאַמע מיין הייליקע
מאַמע - - - אויף דער עלטער איך בלאָנדזשע אַרום אַ פּאַרטראַכטער
אין הייליק־שטילן וואַלד פון געדענקען - - -

6.6.2003

## אַ ברכה על החושך

נאַכט און ערד
דיינע ווייסע פינגער
קלאַמערן זיך ניט מער
אין דעם לעצטן שטאַפּל
אַלע לייטערס פאַרשווונדן
אין שוואַרץ איז ניטאָ
קיין וווּנדערס מער און
קענסט ניט געבן נאָך אַ
טראָט צו דעם אויסגעדוכטן
סוד וואָס איז דאָ שוין ניט
קיין סוד נאָר שוואַרצע שרעק
אין פאַרמאַכטע אויגן און
קענסט ניט ראַטעווען דיין
אָפּגעלעבטן לעבן מיט אַ
גלויבן־גאַרטל ווייל דאָ
ווי דאָרטן שווייגט נאָך
אַלץ דער שטומער גאָט אין
דער ניטאָיקייט פון סוף - - -
אַ ציטעריק ווייסל גייט אויף
אין דער שוואַרצער שויב.
אויף דיינע ווייסע פינגער
בליט דער פראָסט אין דרויסן און
אויף דעם שטערן ערד מאַך איך
אַ ברכה על החושך

15 אָקטאָבער 2002

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים

# באַלאַדע פון אַן עלנטן מענטש

ער איז אָפּגעשוווּמען איבער אַ פרעמדן, אומבאַקאַנטן ים, וואָס זיינע טיפענישן זענען אַנדערש און אַנדערש איז אויך זיין ברומען. אַפילו די כוואַליעס זענען ניט די זעלבע. ער איז אָפּגעשוווּמען אָן צו וויסן צי זיין שיפל וועט אַ מאָל דערשווימען צו אַ יבשה.

ער, אין שיפל, איז געווען דער זעלבער ווי יענער וואָס ער האָט אים איבערגעלאָזט ביים ברעג. יענער איז געווען און געבליבן אַ חוזר־בתשובה, מיט באָרד און פאות. נאָר דאָס האָט אים וווּנציק־וואָס געהאָלפן. ער איז סיי ווי געבליבן אַ געשלאָגענער מיט אַליין־זיין, וואָס האָט אים געגריזשעט און געיאָגט דעם שלאָף פון די אויגן.

דער וואָס אין שיפל האָט שוין לאַנג אָפּגעגאָלט באָרד און פאות, נאָר די עלנט האָט פון דעסטוועגן זיך ווייטער איינגעגעסן אין זיין נשמה, פונקט ווי ביי יענעם וואָס איז געבליבן ביים ברעג. די עלנט האָט זיך נאָכגעשלעפט נאָך אים, באַזעצט זיך אין אים, ניט פטור צו ווערן.

ער האָט געזוכט אַ טרייסט אין ביכער, נאָר איז פון זיי אין גיכן אַנטלאָפן. ער האָט זיך געפּרוּווט ראַטעווען אין מאָלעריי, געזוכט די ליכטיקסטע קאָלירן, ער האָט זיין עלנט געפירט אין שענק אַריין, געוואָלט זי דערטרינקען אין וויין. די עלנט איז אים אָבער געקומען קאַפּויער און אַרויסגעשטעלט פון דער פלאַש אַ רויטע צונג, רויט ווי אַ פלאַקערנדיקער שייטער.

ס׳איז אים געווען שווער און ביטער צו זיין אַליין. נאָך שווערער איז אים געווען מיט די דערדריקנדיקע ווענט. אים האָט זיך געוואָלט זיי צעוואַליען, צעברעכן, צעקרישלען ווי מען צעקרישלט אַ פאַלשן גאָט. עס ווילט זיך אַנטלויפן צו מעטנשן, שרייען, וויינען, לאַכן, שפעטן, גלעטן, ער טוט אָבער גאָרנישט. ער צינדט אָן אַלע לאָמפּן, אַלע ליכטער, נאָר דווקא אין דעם בלענדעניש ווערט די עלנט געדיכט און געדיכטער.

ים, אָ דו מאַכטיקער, ווייט־גרייכנדיקער ים! באַהיט און באַשיץ מיך פון דער פינצטערער עלנטקייט! לייטער אויס מיין געמיט און פיר מיין שיפל צו יענעם האַפן, ווו עס וואַרט שוין אויף מיר די געטלעכע רו, ווו דער טאָג הייבט זיך אָן מיט אַ ליכטיקן געזאַנג!

כ׳וועל פאַלן מיטן פנים אויפן פייכטן זאַמד מיט פאַרמאַכטע אויגן, און זיי ערשט עפענען דעמאָלט, ווען אַ ווייסער פויגל וועט מיר ברענגען די גוטע בשורה אַז איך בין אויסגעלייזט געוואָרן, אַז כ׳בין פריי פון יעדער פיין, פון זיין אַליין, פון זיין אַליין!

לילקע מייזנער

# עלעגיע פאַר אַ יידישן פּאָעט



"וועט מענטש נישט זיין, וועט ווינט נאָך מערער וויינען / און עלנטער וועט זיין דער וויסטער שטיין / און וועמען וועט די בונטע בלום באַשיינען? / און שמעטערלינג פאַר וועמען שוועבט זיין חן? / וועט מענטש נישט זיין וועט טייוול זיך פאַרקרימען / און גנבענען פון שיר־השירים קלאַנג / וועט טייוול זיך באַרימען / אַז ער אַליין האָט עס פאַרפאַסט אָט דעם געזאַנג..."

(זסמאַן סעגאַלאָוויטש - פון בוך "איצטער")

עלעגיע איז אַ פאָרעם אין פּאָעזיע, ווי אויך אין מוזיק, וואָס שרייבט זיך אין טרויער־פערזון. שטילע, אומעטיקע, מינאָרע. כ'וואָלט אַזוי וועלן אין מיינע ווערטער אַריינהויכן לעבן, כדי כאָטש אויף אַ קורצער צייט צוריק אויפלעבן דאָס געשטאַלט פון דעם "איינזאַמסטן" יידישן שרייבער, דיכטער, דעם פּאָפּולערסטן און צוממערסטן געלייענטן פּראָזאַיקער און לידער־באַשאַפער אין פאַרמלחמהדיקן פוילן.

טייל מאָל טראַכט איך, אויב אונדער יידיש לשון זאָל איינגעצוימט ווערן אין די אַנאַלן פון אַקאַדעמישע לערן־אַנשטאַלטן, אויב זאָל עס נאָר ווערן אַן "אָביעקט" פון אַנאַליטישע פאָרשונגען און פסיכאָ־אַנאַליטישע פונאַנדערנעמונגען, וועלן אונדזערע אוצרות פאַרצערט ווערן. ווייל דער דורכשנישטלעכער לייענער וועט מער נישט זיין דער אָפּנעמער. ער וועט נישט געניסן פון דעם שפרודלדיקן קוואַל. דער שרייבער, דיכטער, שאַפער, דאַרף אָט דעם אָפּנעמער. ער איז זיין, דעם שאַפערס סטימולאַנט, די "מוזע". אפשר וועלן מיט דער צייט אויפקומען לייענער, וועלכע וועלן פאַרשטיין, אַז יעדעס געשריבענע יידישע וואָרט האָט געעטעמט מיט לעבן, קראַפט, מחשבה, לעבנס־שטייגער, געווען אייגנאַרטיק - ווייל די צייט אין וועלכער די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן, איז געווען אייגנאַרטיק. מיליאָנען יידן האָבן געלעבט, געשאַפן, גערעדט יידיש און די מיליאָנען זענען מער נישטאָ - פאַרטיליקט געוואָרן!

ווילן מיר זיי כאָטש דערמאָנען, אָט די גיגאַנטן פון אונדזער פאַרגאַנגענער וועלט. ווידער הערן זייער שטים, זייער געדאַנקען־גאַנג, און דורך זיי - די פאַרגאַנגענע וועלט. איך וועל דערמאָנען בלויז איינעם. איינעם, וועלכער איז ניצול געוואָרן און דער וויסטער יידישער גורל האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיינע מידע אַקסלען דעם מאַנטל פון דעם גרויסן פאָלקס־באַקלאָגער, וועלכער זאָל ברענגען דאָס געשריי פון אונדזער פאָלקס־חורבן. אָפט מאָל, ווען איך טראַכט וועגן אים, לייען אין שטילקייט זיינע לידער, זע איך די ערד, די וועגן און שטעגן, די ווייטע פעלדער און וועלדער, טייכן און אָזיערעס, און איך פיל אַזאַ טיפע בענקשאַפט, אַ בענקשאַפט נאָך דעם "וואָס איז געווען". און זוסמאַן סעגאַלאָוויטש יאָמערט, יאָמערט נאָך דעם "דאָרט!"

איך האָב זיך אַ נדר געגעבן נאָך זיין טויט, אַז כ'וועל אים דערמאָנען, נישט נאָר אין די יאָרטעג פון זיין געבוירן אָדער טויט, נאָר דערמאָנען אים ביי געלעגנהייטן וואָס

קומען אומגעריכט. אין איינער אַזאַ נאכט, נישט לאַנג צוריק, האָב איך געבלעטערט זיינע ביכער און געפילט אַ ווילן אים צוריק צו ברענגען צום לייענער, דערמאָנען אים, אַט אַזוי ווי איך האָב אים געקענט, געדענקט.

וועל איך דיך דערמאָנען היינט, מיין גוטער פריינד... דו ביסט געווען שלאַנק, אַ פּנים ווי ברוינער פּאַרמעט, אויגן ווי שוואַרצער קויל, פול מיט אומעט און דאָך שפּילעוודיק, אין דיין מויל - די אייביקע "לולקע" אין וועלכער עס האָט געטליעט אַ קליין רויט פלעמעל - דיין לעצט פלעמל פון האָפענונג. דיינע בגדים זענען שטענדיק געווען פריצישע, ביסט געווען מאָדנע מאַיעסטעטיש!

אפילו שוין נאָך דעם חורבן, ווען מיר האָבן דיך געזען - אין די ליכטיק-טראַגישע טעג נאָך אונדזער באַפריונג, אין בריסל, אויף דעם וועג קיין אַמעריקע, האָבן נאָך דיינע אויגן געברענט! דו האָסט געברענט מיט דיין גאַנצן פיזישן וועזן. און כאָטש דו ביסט "דאָרט" נישט געווען, ביסטו שטופנווייז פאַרברענט געוואָרן - ווייל דו האָסט עס אַזוי געוואָלט.

"צוזאַמען - האָסטו אונדז געזאָגט - פאַרברענט ווערן, מיט ליד, געזאַנג, און די פּוילישע יידן!" דו ביסט מיט זיי געווען, מיט זיי, די שאָטנס. און דו שרייבסט: "עס איז מיר פאַרבליבן אַ סך צו דערמאָנען / פאַרלאָשענע אויגן פון יידן מיליאָנען / פאַרמעקטע ישובים און קאַזמיעזש מיין שטעטל! / אויך דו ביסט אַריין אין פאַרבלוטיקטן צעטל / דאָרט איז איצט פרילינג איך וויל עס ניט מאָלן / דאָך בלומען זיי שפּרינגען פאַר מיר מיט די טאָלן" און ווייטער זאָגט דער דיכטער: "די צווייי וואָס איז טייער צו ליבן - אַ צווייילינג / דאָס אייגענע פאָלק, און נאַטור מיט דעם פרילינג / די צוויי, האָבן וועג מיינס, געבלומט און געמוטיקט, / און איצט זענען ביידע אינגאַנצן פאַרבלוטיקט".

וואָס איז געווען דער כוח, וואָס האָט געפירט סעגאַלאָוויטשן איינצונעמען מיט זיין וואָרט, מיט זיין פּראָזע יידיש פוילן? וואָס זיינע ביכער זאָלן זיין פון די צוממערסטן געלייענטע. אין יענע טעג, ווען עס איז אויפגעקומען דאָס נייע יידישע ליד, די קינסטלערישע פּראָזע, ווען אונדזערע קליינע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אויפגעוועקט צו אַ ניי לעבן האָט ער, דער פּאָעט און פּראָזאַיקער, פאַרכאַפּט זיינע לייענער. שפּאַצירנדיק אויף די פּוילישע שאָסייען האָבן פון צווישן די קאָרנפעלדער זיך דערטראָגן געזאַנגען, שטיקער פון סעגאַלאָוויטשעס פּאָעמעס. האָבן יונגע שטימען רעציטירט "שיין איז רייזעלע דעם שוחטס" אָדער גאָר דאָס פּשוטע האַרציק-ראָמאַנטישע ליד "שוואַרצע אויגן האָבן פייער, דיינע זיינען שוואַרץ. / האָסט געוואָרפן הייסע פונקען אין מיין מיידליש האַרץ". דאָס פאָלק האָט געזונגען די לידער און זיך אַליין געזען ווי אין אַ שפּיגל.

סעגאַלאָוויטש האָט דערגרייכט די יידישע פאָלקס-מאַסן, די פאַבריק-אַרבעטערינס, ער האָט דערגרייכט און פאַרשטאַנען די יוגנט, זייערע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן - און דאַן אַרויסגעפירט זיי אין די גרינע וועלדער, פעלדער און טאָלן, דער שרייבער האָט טיף פאַרשטאַנען דעם "גרויען" יידישן מענטש, און ווען ענג איז געוואָרן דער אַרום, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד און וואָגן, באַזעצט דעם בעל-עגלה און געפאָרן איבער די זאַמדיקע וועגן פון זיין באַליבטן שטעטל קוזמיר. סעגאַלאָוויטש האָט ליב געהאַט די פּוילישע פּייזאַזשן, די ווייסל, די בערג און טאָלן - און די יידן, וועלכע זענען געווען אַ טייל פון אָט דער לאַנדשאַפט. און אין דער באַרימטער פּאָעמע זיינער "קוזמיר" קומט זיין פאַרליבטקייט צום אויסדרוק אויף אַ הויך קינסלערישן אופן. דער

שרייבער און קריטיקער לעאָן פינקעלשטיין האָט וועגן דער פּאָעמע געשריבן: "מיט איר האָט זיך דער דיכטער איינגעקויפט בירגערשאַפט אין דער יידישער ליטעראַטור". זיינע ווערטער, זיינען קאָלירן, וועלכע שאַפן אָט די לאַנדשאַפט, דער יידישער מאַרק, ברענענדע ליכט, וואָס קוקן אַרויס פון די קליינע הייזלעך - אַלט און יונג, קינד און קייט, אומעט און פרייד - דאָס איז געווען קוזמיר - זיין קוזמיר - איינע פון הונדערטער יידיש-פּוילישע שטעטלעך, ווו דורות יידן האָבן געלעבט, געאַרבעט.

זוסמאַן סעגאַלאָוויטש איז צו אונדז געקומען פון פּראָלעטאַרישן ביאַליסטאָק, דורך דעם ברוויזנדיקן, שטורעמדיקן וואַרשע, ביז צו די פּאַרויכערטע הימלען פון "פּוילישן מאַנטשעסטער", די יידישע טעקסטיל-שטאָט - לאָדזש. אין דער אָ שטאָט ווו גאַנצע משפחות זענען געזעסן ביי די וועב-שטולן און געשטופּט די קעטעס, האָט סעגאַלאָוויטש, דער דיכטער און שרייבער, געזאַמלט מאַטעריאַל פאַר זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען. אויף דער קאַנווע פון פאַבריק-לעבן האָט ער, דער פּילבאַרער, דער סענסיטיווער, דערזען דאָס שווערע, טייל מאָל טראַגישע לעבן פון יונגע פרויען, מענער און קינדער, "די ווילדע צילקע", "דעם וועבערס טאָכטער" - קאַפּיטלען פון טאָג-טעגלעכן לעבן.

ער איז געווען דער עדות פון דעם געבורט פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ווו פרישע ווינטן האָבן נייע געדאַנקען און אידעען געבראַכט, ווו יונגע שרייבער האָבן נייע זומען פאַרזייט. סעגאַלאָוויטש איז געווען צווישן זיי, און אין דעם "פּאַלאַץ" פון טלאָמאַצקע 13 דעם יידישן שרייבער-פאַראיין אין וואַרשע, פאַרנעמט ער איינעם פון די חשובסטע פּלעצער. דאָרט אין דעם "פּאַלאַץ" האָבן זיי, די יונגע אָדלערס, די פליגלען צעשפּרייט און שפּעטער אַרויס פון זייערע לעכער, די בוידים-שטיבער, כדי זייערע וויזיעס אויף בויגנס פּאַפּיר פאַראייביקן. סעגאַלאָוויטש איז געגאַנגען זיין אייגענעם וועג. אַן אייגנאַרטיקער, נישט קיין טיף פילאָזאָפישער, אַ טאָג טעגלעכער, מיט טיפער פאַרשטענדעניש און סענסיטיווקייט, ברענגט ער אין זיינע ביאָגראַפישע ביכער "זעליקס יאָרן" זיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, וואָס דערנענטערן אים און דעם לייענער נאָך מער.

...און דאַן קומען די טראַגישע יאָרן. יאָרן פון נע-ונד דורך אַזיע, רוסלאַנד, פּאַלעסטינע. דער אומקום פון זיין פאָלק. און דער האַרץ רייסנדער ממעמקים קומט אַרויס אין דער פאָרעם פון זיינע קינות, וועלכע ער הויבט אָן צו שרייבן פאַר זיינע אומגעקומענע פּוילישע יידן. ער האָט צוזאַמען מיט די געברענטע, געברענט, מיט די געשלאָגענע, געשלאָגן געוואָרן, מיט די געפּייניקטע - געפּייניקט געוואָרן, און ביי דער באַפרייונג - געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטער - אַליין אין אַ פאַרברענטער וועלט!

דער ליטעראַטור-קריטיקער ש. ניגער האָט פאַרסך-הכלט דעם דיכטערס לעבן מיט דער אָ אָפּשאַצונג: "סעגאַלאָוויטש איז צעטרייסלט געוואָרן, און דער לייט מאָטיוו פון זיין פּאָעזיע און פּראָזע איז מיט אַ מאָל געוואָרן טיפער, ברייטער, העכער. דער געוויין פון דורות איז געוואָרן זיין". פון דער טויטער. שטילקייט איז סעגאַלאָוויטש צוריק אַוועק "דאָרטן", און אויף "טלאָמאַצקע 13', און צוריק געקומען צום "איצטער". דער באַקלאָגער.

אין יאָר 1947 קומט סעגאַלאָוויטש קיין אַמעריקע - געזוכט זיינע פּוילישע יידן, געקוקט אויף די פאַריאָגטע יידן פון איסט-בראָדוויי און טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון זיינע אויגן. ער איז געזעסן אַן איינזאַמער אויף די טרעפּ פון דער "פאָרווערטס". געבליבן און נישט געזען די צוקונפט. איינזאַם, אַזוי גרוילעך איינזאַם! דער שרייבער,

(המשך ז' 39)

פיניע פלאָטקין

## פרילינג - 2003

מיין בלייער וועט בלייבן פאַרשניצט,
די צייט, ווי אַ קלעק, וועט זיך ציען...
איינצייטיק אַ רעגנדל שפּריצט
אין תל־אביב, אין קיעוו.

אין סאַנקט־פּעטערבורג מע באַגריסט
איעטווידער גאַסט באַזונדער.
ווייט טײַרעק מטורפדיק פליסט,
בלויז מאַטושקאַ־וואָלגאַ איז מונטער.

יעדער חלק צעשפּליטערטער אייז
גייט אַנטקעגן דעם וואַרעמען וועטער.
זייער רויש און געפילדער באַווייזט
וואָס עס טוט זיך אויף אונדזער פּלאַנעטע.

יעדער וואַרעמער טאָג אונדז דערפרייט,
יעדעס שנייגלעקל גלאַנצט ווי אַ דימענט -
ס'איז דעם פרילינג, אַוועלכן איך ליב,
נאָך געבליבן מיט וואָס זיך באַרימען.
פעברואַר, 2003

## אַן אומעטיק ליד

וויפל שווערע און שלאָפלאָזע נעכט,
און יסורים, און ווייטיק, געוויין.
שטעל אַוועק אויפן טיש דאָס געקעכטס -
דיין באַשערטער וועט קומען צו גיין.

ער וועט קומען צו גיין בלויז צו דיר,
ער וועט שטיל אין זיין צימער אַריין.
דאָס איז דער, דאָס איז דער קאָמאַנדיר,
וועלכער לעבט אין דיין האַרצן ביז היינט.

ער האָט רום, ווי אַ שלאַכטמאַן,
פאַרדינט,
וועגן אומקומען ווייניק געטראַכט -
פון די ערשטע אַריין אין בערלין,
פון די ערשטע - געפאַלן אין שלאַכט.

אין אַ שטאָט, זייער ווייט פון דער היים,
איז זיין קבר געפינען נישט גרינג.
דאָרט אַ נאַכטיגאַל הויך אויף אַ בוים
ווי אַ שווישפּילער אומעטיק זינגט.

אין זיין צימער פאַרטאָג גיי אַריין -
אַלץ, וואָס ער האָט געהאַלטן, געפין.
אויפן טישל אַ בוטעלע וויין
שטעל אַוועק, נישט געאיילט, צוליב
אים.

מאַי, 1990 באָברויטק

# ווי גאָט אין אָדעס

און ווער איז אַ נגיד,
און ווער איז אַ קבצן,
און ווען מען איז שטענדיק
נישט גרינג אויפן האַרצן -
אים וואָלט גילטיק נישט אַרן
געזונטערהייט, פעסט
פון אַלץ זיך פאַרשפּאַרן
ווי גאָטס אין אָדעס.
ער זינדיקט אומגעהייער -
נישט ער שאַפט, נישט ער זוכט -
אים, זעט איר, איז נישט טייער
דער טאָג, וואָס גייט אַדורך.

ער דאַרף זיך נישט קלאָגן,
די באַעוולער פאַרגעסט.
ער לעבט, קאָן מען זאָגן,
ווי גאָט אין אָדעס.
ער ווייסט, ווען עס קומען,
אין משך פון יאָר
דער ווינטער, דער זומער,
דער אָסיען - דערנאָך,
ווי לאַנג עס געדויערט
דער פרילינג באַ אונדז
ווי זיס איז די רויערד,
ווען ס'וואַרעמט די זון.

# ערדקיילעך

מע שעצט אים, מע בענטשט אים, מע ליבט אים ביז ווייטיק,
ער, אונטער דער וואַרעמער זון, אונדז פאַרטיידיקט.
אַ דאַנק דעם באַשעפער, אַ דאַנק דעם דערפינדער,
וואָס ער, אין אַלוועלט, עקזיסטירט ביז אַצינדער.
אים לאָזט מען נישט רוען. די פליענדע טעלערס
באַלאַגערן אים און נישט גרינג ווערן נעלם.
אים רעגן חלומות, געשלעג, קאַטאַקליזמען -
מע זעט זיי אין טאַט, אין פאַרשיידענע פילמען.
אין טיף פון זיין ערדשאַל, אין פלאַם פון פרימאָרגנס
צי וועט ער אונדז קענען באַדינען, באַזאָרגן
מיט ווייץ און מיט קאָרן, מיט פרות מיט זיסע -
דער מענטש זאָל טאָג טעגלעך פון פרייהייט געניסן,
פון קעלטן נישט וויסן, פון הונגער נישט ליידן,
אַז אַלץ זאָל אין אָרדענונג זיין, ווי באַ לייטן?
אים בוקן זיך מענטשן - זיי זיינען צופרידן...
דערפאַר איז ביי אים אַ געהייבענע שטימונג!
דאָס הייסט, אַז ער לעבט און וועט לעבן כסדר,
אַז ער, אין אַלוועלט איז, בפירוש, נישט איינער,
בלויז מענטשן, די גינציקע איינוווינער זיינע,
זיין אויבערפלאַך וועלן אָן אויפהער באַשיינען,
אַזוי ווי די זון - זיינע גרויזאַמע שטחים -
פון מזרח ביז מערב, פון דרום ביז צפון.

לאָס אַנדזשעלעס אַפּריל, 2000

אהרן שפירא / קרית ביאַליק

# רבקה באַסמאַן־בן־חיים

## דער טרויעריק־פאַרבענקטער נאַכטיגאַל פון דער יידישער דיכטונג



מיין "ראָמאַן" מיט רבקה באַסמאַן־בן־חיימס דיכטונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט פינף יאָר צוריק. איך בין דעמאָלט געווען אין טרויער נאָך מיין פאַרשטאָרבענער פרוי. ס'איז מיר געווען ביטער אויף דער נשמה. כ'האָב געזוכט אַ וואָרט פון טרייסט. כ'האָב דעמאָלט נישט איין מאָל געטראַכט: ווען כ'וואָלט געווען אַ פרומער ייד, וואָלט איך אויסגעגאָסן מיין אָנגעווייטיקט האַרץ אין אַ קאַפּיטל תהילים אָדער אין אַ פרק משניות. כ'בין אָבער ווייט פון משניות און תהילים, האָב איך זיך קיין אָרט נישט געפונען. דעמאָלט, האָט רבקה מיר געשאָנקען איר לידער־זאַמלונג "די ערד געדענקט", וווּ דער גרעסטער טייל אין איר איז אַ שטיל עלעגיש געזאַנג פון דער אין טרויער־פאַרבליבענער דיכטערין נאָך איר מאַן, מולא בן־חיים, וועלכער איז אַוועק אין דער אייביקייט אין יאָר 1993, און זי קען אים נישט פאַרגעסן.

איך האָב געלייענט די טרויעריקע לידער און געפונען אין זיי אַן אַלעגאָרישן פאַרגלייך צו מיין מצב, ווי די דיכטערין וואָלט די לידער געשריבן פאַר מיר. כ'בין מקנא געווען דער דיכטערין פאַר איר נשמהדיק באַזינגען דאָס אַוועקגיין פון איר לעבנס־חבר און געטראַכט: הלוואי וואָלט איך פעיק געווען צו באַזינגען דאָס אַוועקגייען פון מיין פרוי, ווי רבקה באַזינגט איר מולהן באַלד אין ערשטן ליד:

צוריק צום אָרט אַווּ דו ביסט פאַרגאַנגען,<br>
אַזוי ווי זון פאַרגייט און זאָגט אונדז ניט פאַר וואָס,<br>
איך הער אין שטילקייט דיינע קלאַנגען<br>
און רייד מיט דיר, ווי ס'רעדט דער ווינט מיט גראָז.<br>
איך אָטעם איין די פאַרב פון דיינע אָטעמס<br>
און לייג צונויף דאָס לעבן ווי אַ בוך,<br>
ווו דיינע בלעטער זענען ליכט אָן שאָטנס<br>
און אין די בלעטער זוך איך און איך זוך.<br>
כ'געפין דאָס ליכט פון טעג באַצירט אין פאַרבן,<br>
כ'געפין די ליבשאַפט אָן אַ ברעג,<br>
כ'געפין דיין לעבן, ניט צום שטאַרבן,<br>
און נעם עס מיט מיט זיך אין וועג. (ז' 11)

פיר יאָר ווי דאָס לידערבוך "די ערד געדענקט" פּאָרטרעט מיר אַ ליטורגיש קאַפּיטל תהילים אין אָנדענק פון מיין פרוי.

דער צופאַל פון מיין פּרויס אַוועק אין דער אייביקייט און רבקה באַסמאַנס שענקען מיר איר לידער־בוך האָט גורם געווען כ'זאָל אַריינדרינגען אין פרדס פון רבקה באַסמאַנס לידער־אוצר, וואָס זי האָט געשאַפן אין משך פון זעכציק יאָר.

רבקה באַסמאַן - מיט זעלטענעם אויסנאַם פון שרייבן קורצע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבערס און זייערע ווערק - איז דורך און דורך לירישע פּאָעזיע: איר דיכטעריש שאַפן איז איין לאַנג, סענסיטיווער לעבנסגעזאַנג, וואָס איז אָפט איינגעהילט אין מעטאַפּאָרישער הילע, אין וועלכן זי דריקט אויס איר טרוים און בענקשאַפט, באַגלייט מיט טרויער און טרערן. לויט רבקהלען פאַרגייט אַלץ אין גערוויין, אַפילו די בלעטער פון אַ בוים, ווי זי זינגט:

"דער רעגנדיקער וועטער / האָט אַזוי פאַרפּוצט די בלעטער / אַז פון פרייד זיי וויינען". (אָנרירן די צייט ז' 46).

* * *

איידער כ'וועל פּרווון אַנאַליזירן דער דיכטערינס ביישטייער צו דער יידישער פּאָעזיע, ווילט זיך אַרויסברענגען איניקע שטריכן פון איר פּערזענלעכער ביאָגראַפיע.

רבקה באַסמאַן איז געבוירן אין יאָר 1925 אין דער שטאָט ווילקאָמיר וואָס אין דער ליטע. ווילקאָמיר - שרייבט דער עסייאיסט און ליטעראַטור־קריטיקער אברהם ליס - איז געווען באַרימט מיט דער יידישער רעאַל־גימנאַזיע, וואָס איז געווען אַ שם דבר פאַר דער מלחמה.

ווער זענען געווען רבקהלעס עלטערן? איר משפחה? די דיכטערין האָט ביז היינט נישט געשריבן איר ביאָגראַפיע, ווי עס האָבן זיך נוהג געווען די קאָריפייען פון דער יידישער דיכטונג. אין דער הינזיכט איז זי סודותדיק - באַהאַלטן. איך אָבער בין אַ נייגעריקער ייד, האָב איך געזוכט אַ צייכן, אַן אָנדייט וועגן איר משפחה אין איר לידער־אוצר, און אָט וואָס איך האָב געפונען. אין דער לידער־זאַמלונג, "ליכטיקע שטיינער", (ז' 22), זינגט די דיכטערין:

מיין טאַטן רופט מען יחזקאל\
מיין מאַמען - פרומע־ציפּורה,\
און מיך - ווי מען רופט די אמהות:\
יידישע נעמען / געבראַכטע פון מדבר.

אין אַן אַנדער ליד אין בוך, "אָנרירן די צייט" (ז' 81) זינגט זי:

מיין טאַטע איז געווען אַ גוטער.\
ער האָט עס מיר פאַרשריבן.\
אַ גאַנץ לעבן קעמף איך מיט זיין גוטסקייט,\
וואָס האָט אים ווייטיקן פאַרשאַפט.

און וועגן דער מאַמען זינגט רבקהלע אין בוך "די שטילקייט ברענגט" (ז' 78):

די פרעמדע פרוי געדענקט נאָך\
די לוויה פון מיין מאַמען,\
און איך געדענק איר לעבן.\
איר ליבשאַפט ריזלט אין מיין וועזן.

אַ יונגע און אַ שיינע.
ניטאָ אַ מאַמע וואָס געווען.
פֿאַראַן - און איינע.

רבקהלה האָט אויך געהאַט אַ ברודערל אהרלע, וועלכער איז, ווייסט אויס אומגעקומען דורך די נאַציס. וואָרעם זי זינגט אים אַ ליד: "לזכר":

מיין ברודערל באַליבטער,
אַנטלויפֿן לאָמיר שנעל,
אַנטלויפֿן ניט באַזיגטע
פֿון אַ באַזיגטער וועלט. (די שטילקייט ברענט, ז' 96).

בעתן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט-מלחמה האָט רבקהלע זיך געפֿונען אין ווילנער געטאָ. ווען זי איז אַלט געווען 15 יאָר האָבן די נאַציס זי פֿאַרשיקט אין קאָנצענטראַציע-לאַגער קייזערוואַלד פֿאַר פֿרויען.

ווי עס שרייבט דער דיכטער שמערקע קאַטשערגינסקי אין זיין בוך "לידער פֿון די געטאָס און לאַגערן", האָט מען רבקהלען דאָרט געצוווּנגען כסדר צו רייניקן טרעפּ. אין יענעם לאַגער האָט זי אָנגעשריבן צוויי לידער פֿון וועלכע, כ'וויל ביי דער געלעגנהייט ברענגען דאָס ליד "די אייביקע טרעפּ":

די זון איז העל, די זון איז אַנדערש,
ווי טרעפּ פֿאַרזונקענע אין פּיין.
יעדער טרעפּ אַ טאָג פֿון וואַנדער
וואָס שלעפּן מיך טאָג אויס, טאָג איין.
צעמענטענע און קאַלטע, גרויע -
פֿאַרשלינגען אַלץ וואָס שמעקט מיט גליק,
איך שלעפּ זיך, שלעפּ זיך נאָך מיין טרויער
פֿרימאָרגן הין, ביי נאַכט צוריק.
דאָס גאַנצע לעבן טרעפּ זיך דרייען,
ווי פֿאַרשאָלטן, אָן אַ ברעג.
צעגאַנגען זיינען לאַנג שוין שנייען,
ס'איז פֿרילינג, כ'גיי נאָך אַלץ אויף טרעפּ.
צי וועל איך קענען איינמאָל פֿרילינג
ביים לעצטן טרעפּל בלייבן שטיין
און אויסרופֿן פֿון טיפֿן האַרצן:
שוין מער קיין טרעפּ ניטאָ צו גיין!
(לידער פֿון די געטאָס און לאַגערן ז' 230).

איך האָב געליינט דאָס ליד, איין מאָל און נאָך אַ מאָל, און כ'האָב געשטוינט. כ'האָב זיך אַליין געפֿרעגט: צו האָט דאָס ליד געשריבן אַ פּופֿצן יאָריק שול-מיידל, אָדער אַ דערפֿאַרענע דיכטערין מיט סטאַזש פֿון יאָרן דיכטונג? ווי ס'זאָל נישט זיין, רבקהלעס געבעט: "קענען ביים לעצטן טערפּל בלייבן שטיין" איז מקוים געוואָרן, זי האָט איבערגעלעבט די וויסטע מלחמה.

נאָכן באַפֿרייט ווערן פֿון לאַגער האָט רבקהלע, מיט חלוצישן אייפֿער, זיך

אַריינגעוואָרפֿן אין דער בריחה־באַוועגונג, ווו דאָרט האָט זי געטראָפֿן איר צוקונפֿטיקן מאַן מולה בן־חיים, וועלכער איז געווען פֿון די ערשטע טעטיקע אין דער בריחה, און וואָס האָט דורך וועגן און אומוועגן אַריבערגעפֿירט די שארית־הפליטה־יידן, פֿון אייראָפּע, קיין ארץ־ישראל. אין יאָר 1947 איז דאָס פּאָרפֿאָלק עולה געווען. (און אין דער זעלבער צייט האָט איר מאַן, מולה בן־חיים, געהאַט אַ בילדער־אויסשטעלונג אין ניו־יאָרק). רבקהלע האָט זיך מאָביליזירט אין דער "הגנה" און אָנטייל גענומען אין דער באַפֿרייונגס־מלחמה.

אין יאָר 1948, האָט אַ גרופּע יידישע דיכטער און פּראָזאיקער געגרינדעט די ליטעראַרישע גרופּע "יונג־ישראל" אויפֿן מוסטער פֿון דער פֿאַר־מלחמהדיקער "יונג־ווילנע". אין דער גרופּע זענען אַריין: צבי אייזנמאַן, רבקה באַסמאַן, בנימין הרושאָווסקי, (פּסעוודאָדים: ה. בנימין), משה גורין, שלמה ווארזאגער, מרדכי ליפשיץ, מאַלאַשא מאַלי, רחל פישמאַן און אברהם קאַרפּינאָוויטש.

אין דער זעלבער צייט האָט רבקהלע געענדיקט אַ לערער־סעמינאַר אין תל־אביב און געפֿאָרן קיין ניו־יאָרק שטודירן ענגליש און ליטעראַטור אין קאָלומביאַ־אוניווערסיטעט. מיטן צוריקקומען פֿון די סטודיעס האָבן זיך ביידע צוריקגעקערט אין קיבוץ "המעפּיל" ווו זי האָט געאַרבעט אַלס לערערין. אין יאָר 1963 איז דאָס פּאָרפֿאָלק געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע, אויף דריי יאָר דיפּלאָמאַטישע אַרבעט, אין דער דאָרטיקער ישראל־אַמבאַסאַדע.

* * *

נאָכן "אַנטפּלעקן" אַ בינטל סודות פֿון רבקהלעס "חדר־שטוב", וועלן מיר אַריבערגיין רעדן וועגן איר ערשטן לידער בוך, "טויבן ביים ברונעם".

ווען דאָס בוך איז געקומען צו יעקב גלאַטשטיינען אויפֿן שרייבטיש, האָט ער געזען דערין אַן ערשט ווערק פֿון אַ יונגער דיכטערין, וועלכע זינגט פֿון פֿעלדער, זאַנגען, שניט, שעפֿסן, ציגעלעך, פֿון אויפֿגייענדיק ברויט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די סטראָפֿן -

קינדער, מיינע קינדער, / איך בין פֿול מיט סוד. /<br>
אויף די שטילע וועגן / זע איך אומגיין גאָט.

און האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז "רבקה באַסמאַן פֿאַרסודעט אַלץ וואָס זי זעט. זי האָט דעם סוד ליבער פֿון וואָרט, די דיכטערין לעבט אין אַן אייגענער טרויער־וועלט: זי מאָנט ביים פֿעלד־גאָט אַ דין־וחשבון. פֿון איין זייט: **פֿאַר טראָגן אויף די אַקסלען/ פֿרישע פֿעלדער ברויט**, פֿון דער אַנדערער - **דער, פֿון קינדערס טויט**". און גלאַטשטיין פֿירט אויס: "דאָס ערשטע לידערבוך פֿון רבקה באַסמאַן מעג אויפֿגענומען ווערן ווי אַ בוך פֿון גרויסן צוזאָג. אַ סך לידער אין בוך ווייזן, אַז רבקה באַסמאַן הייבט אָן רעדן, און מיט אַ סך האָפֿענונג וואַרטן מיר אויף די רייד, ווען זיי וועלן זיך אַרויסקנוילן פֿון פֿאַרסודעטער און פֿאַרזונגענער פּאָעטיזאַציע".

אויף דעם אָרט ווילט זיך זאָגן אָט וואָס: ווען איך האָב, מיט יאָרן שפּעטער, געלייענט דאָס ליד -

קינדער , מיינע קינדער, / איך בין פֿול מיט סוד. /<br>
אויף די שטילע וועגן / זע איך אומגיין גאָט. /<br>
טראָגט ער אויף די אַקסלען / פֿרישע פֿעלדער ברויט /<br>
און זיין באָרד צעוואַקסן / זוניק רויט. /<br>
קומען אים אַנטקעגן / ציגעלעך ווי שניי, /

קומען זיי און פרעגן / וואָס ער האָט פאַר זיי. /
נעמען פלוצעם ציגן / ריידן האַרבע רייד: /
- זאָג, ביסטו דער זעלבער / אין אַ ביסן ברויט, /
און ביי שוואַרצע שייטערס, / דער, פון קינדערס טויט? /
און די ציגן הערן/ ווי פון רייפער ערד /
שפּראָצט אַרויס אַ קערן / ווי אַ קינדער-טרער.
(טויבן ביים ברונעם, ז' 14)

האָב איך פאַרשטאַנען דער דיכטערינס טענה צו גאָט. אין די יאָרן פון חורבן, און דערנאָך, זענען דיכטער - אַ מאָל דרייסט און אַ מאָל צוריקגעהאַלטן - געקומען מיט טענות צו גאָט, פאַר וואָס ער האָט זיך צוגעקוקט ווי די נאַציס הרגענען אויס זיין אויסדערוויילט פאָלק און ער האָט עס נישט געראַטעוועט פון די מערדערישע מאָנסטערס.

ווען די נאַציס זענען אָנגעגאַנגען מיט דער פאַרטיליקונג פון וואַרשעווער געטאָ, האָט דער דיכטער-מאַרטירער יצחק קאַצענעלסאָן אויסגעשריגן מיט בלוט פון זיין האַרץ: "ניט שריי צום הימל, ער הערט דיך, ווי די ערד דעם הויפן מיסט!"...

דער דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו האָט דעמאָלט געקלאָגט אויפן חורבן מיט די ווערטער:

"געבוג דיר שוין געדינט / מיט תפילות, דאַנק און לויב! /
וואָס געווען איז בלינד און טויב, / און ניט געזען און ניט געהערט, /
ווי ס'האָבן צו די שערי רחמים /
זיך געריסן פון דער גיהנומדיקער ערד / אַ ים מיט בעטנדיקע הענט".

די דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי זינגט אין איינע פון אירע לידער -

"אל חנון / קלייב אויס אַן אַנדער פאָלק -
ווייל, / מיר זיינען מיד פון שטאַרבן און געשטאָרבן, /
קלייב אויס אַן אַנדער פאָלק - /
ווייל, / מיר האָבן ניט קיין בלוט מער /
אויף צו זיין אַ קרבן".

אויך רבקהלע קלאָגט אויפן חורבן. אָבער אַ געהיימע אינערלעכע העמונג האָלט זי אָפּ פון באַנוצן דירעקט שאַרפע רייד קעגן גאָט. זי טוט עס מעטאַפאָריש: זי שטעלט פאַר גאָט האַרבע פראַגן דורך די מיילער פון ציגן -

- זאָג, ביסטו דער זעלבער / אין אַ ביסן ברויט, /
און ביי שוואַרצע שייטערס, / דער, פון קינדערס טויט?

די דיכטערין קען נישט באַנעמען: ווי אַזוי זאָל מען פאַרשטיין, אַז דער גאָט וועלכער באַשפייזט די וועלט מיט ברויט, איז דער זעלבער, וועלכער שטייט ביי שוואַרצע שייטערס און קוקט זיך צו, ווי מען מערדערט קינדער אומבאַשטראָפט...

דאָס ליד "קינדער, מיינע קינדער" איז אגב נישט דאָס איינציקע אין וועלכן רבקהלע טרויערט אויפן חורבן.

ווען רבקהלע מיט איר מאַן, מולה בן-חיים, האָבן זיך געפונען אויף דיפּלאָמאַטישער שליחות אין מאָסקווע, איז זי געפאָרן באַזוכן די שטעט ווו די נאַציס האָבן פאַרטיליקט די יידן. זי האָט באַזוכט ריגע, ווילנע און וואַרשע. געווען אויפן גענשער בית-עולם, ביים אהל פון י.ל. פרצן. טיף באַיינדרוקט פון דעם וואָס זי האָט געזען, האָט זי געשאַפן אַ ריי

קינה־לידער און זיי אַריינגענומען אין בוך "בלעטער פון וועגן".
פון דעם ציקל, ווילט זיך ברענגען דאָס ליד "ווילנער געטאָ, 1964", וואָס געהערט – לויט מיין מיינונג – צו רבקהלעס עמאָציאָנעלסטע, נאַראַטיווע קינה־לידער אויפן חורבן, וואָס זי האָט אַרויסגעבראַכט אין איר פּאָעטישן שאַפן –

די הויפן, די טרעפּ – / אָפענע מיילער, /
און איך – זייער שטומער געוויי, /
צעשליסן זיך שלעסער ווי ווונדן, / ווי ביילן און זשאַווער, /
בלוט רינט פון זיי. /
אַ שטומע אַנטרין איך / אין געסלעך פון געטאָ: /
רודניצקי... סטראַשון... /
ביז היינט איז נאָך פינצטער / אין הויפן פון געטאָ, /
ביז היינט שעמט זיך קומען די זון. /
איך וויקל פונאַנדער / פאַרחתמעטע ווערטער, /
זיי שטעכן ווי שפּיזן אין גוף /
אין טריקענע הויפן / אָן ליכט און אָן טרערן /
כליפּעט אַן עכאָ, אַ רוף. /
דאָס רופן מיך דאָ / פאַרשלאָסענע אויגן, /
דאָס רופן פאַרהונגערטע הענט. /
איך האָב ניט געלייענט / אין ביכער מיין גורל, /
אַליין דאָ די יידן געקענט. /
איך בין ניט פון ווילנע, / בין דאָ דערלאָפן / אַ קינד נאָך, /
אין בלוט איז דער וועג. /
טאָ זאָל מען מיר מוחל זיין / אויב מיינע סטראָפן /
פאַרשווייגן דעם ווילנער פאַרמעג. /
איך ווייס עס פון סוצקעווערס לידער, / פון גראַדעס, /
איך ווייס עס פון תורה־בעל־פּה. /
מיין יתומדיקייט / האָב איך היינט דאָ באַגעגנט /
אויף געטאָס צעבראָכענע טרעפּ. /
די ביימער וואָס גרינען – / פאַרקערט טוען גרינען, /
די זון שיינט גאָר אַנדערש, פאַרקערט. /
בלויז געסלעך פון געטאָ, / אייך ווידער געפינען /
אַזוי ווי געוועזן / אויף דער ערד – – –

(בלעטער פון וועגן, זז' 29–30).

ווען ס'איז דערשינען דאָס לידערבוך "בלעטער פון וועגן", האָט אלכסנדר שפּיגלבלאַט געשריבן אין די "גאָלדענע קייט" (נ' 62 זז' 327–331): "טרויעריק זענען די וועגן אויף וועלכע רבקה באַסמאַן האָט צונויפגעזאַמלט די בלעטער און זיי פאַרוואַנדלט אין ליד. זי איז, דוכט זיך, אַרויסגעפאָרן פון דער היים אויף קבר־אבות, קלאָגן אויף די חורבות פון יידישן לעבן און האָט דערביי פאַרגאָסן אַ טרער אויפן טרויער פון אַ וועלט".

דיכטער אין אַלגעמיין, ספּעציעל פרויען־דיכטערינס, האָבן אין זייערע לידער באַזונגען ביימער, בלומען, זון, לבנה, שטערן. מען טרעפט אָבער זעלטן אַ דיכטער, וואָס זאָל זיין אַזוי פאַרליבט אין דעם נאַטור־באַשאַף, ווי רבקהלע איז אין אירע לידער, וואָס

זענען, אגב, די דערקען־סימנים פון איר דיכטערישער שעפערישקייט. רבקהלע איז פאַרליבט אין אַלץ וואָס לעבט, בליט און וואַקסט. און איבער אַלץ, זענען ביימער און רעגן דער צוליבער אין איר סענסיטיווער, נשמהדיקער דיכטונג. איר ליבשאַפט צו ביימער און רעגן האָט נישט קיין גרענעץ. זי דריקט עס אויס אין הונדערטער לידער, אין פאַרשיידענע ניואַנסן און גאַמען -

ווייסט פאַר וואָס כ'האָב ליב דעם בוים?
ווייל ער וואַקסט און וואַקסט אַלץ טיפער.
זיינע בלעטער ווערן יינגער,
זיינע זונען - מערער,
זיינע זאַפטן - קלערער,
שפּיגלט ער זיך אין די פאַרבן
און פאַרגעסט צו שטאַרבן.

(בלעטער פון וועגן, ז' 42).

אָדער:

דער רעגן באַגלייט מיינע לידער
און איך בין אין רעגן פאַרליבט,
ס'איז אפשר ווייל טראָפּעלעך רעגן
ווייסן דעם כישוף פון בלי,
און אפשר, ווייל אונדזערע טרערן
זיינען אין רעגן פאַרשטעלט,
צו זען און דערהערן
דעם טרעריקן בלי פון דער וועלט.

(די שטילקייט ברענט, ז' 39).

פון וואַנען קומט צו רבקהלען די אומגעהויערע ליבשאַפט צו ביימער און רעגן? און אויך, זיך איינצוהערן, און אויסטעהנען ממש לעבעדיקע באַשעפענישן, און אפילו מיט שטיינער? איך וויל פּרוון דאָס אויפקלערן דערמיט, וואָס אַלע יאָרן, פון זינט רבקהלע איז געקומען קיין ארץ־ישראל, איז זי אַריינגעוואַקסן אין לעבן און אַנטוויקלונג פון לאַנד, וואָס איז בעתן אַנטשטיין געווען האַלב־מדבר, און אין לויף פון יאָרן זיך צעבליט אין אַן אולטראַ־מאָדערנער מדינה. רבקהלעס ערשטע שריט אין לאַנד זענען געווען אין קיבוץ. דאָרט איז זי מיטגעוואַקסן מיט זיין נאַטירלעכן בליען און אַנטוויקלען. זי האָט, וואָס אַן אמת, געאַרבעט אין קיבוץ אַלס לערערין, אָבער איר דיכטעריש אויג און אויער האָט אויפגענומען, אַלץ, וואָס זי האָט געזען און געהערט אין קיבוצישן קאָלעקטיוון לעבן. און ווען איר נשמה איז געוואָרן אינספּירירט מיט רייפער דיכטערישער מוזע, האָט זי עס אויסגעזונגען אין ליד:

כ'בין ניט ווי דו באַפּאַנצערט
און אויך ניט קלוג ווי דו,
ס'פאַרטרויט מיר ניט מיין לאַנדשאַפט
ווי דיר דאָס גרין פון רו.
און כ'ווייס ניט ווי דו צו היילן
מיין וווּנדיקן פאַרדראָס,

און כ'ווייס ניט צו דערציילן
וואָס דו דערציילסט פאַר גראָז.
(ליכטיקע שטיינער, ז' 32).

און ווי אַזוי רעדט די דיכטערין מיט שטיינער? אָט, הערט:

איך האָב שטיינדעלעך געשלעפּט / פון די וויסטע קברים /
און מיט זיי אויף שטום גערעדט, / שטומער פון אַ וואָרעם. /
איך האָב היימען אויך געזען / בלויז פון שטיינער, /
ווו ס'האָט מער שוין ניט געלעבט / קיינער, קיינער. /
זאַפּ איך זייער תפילה איין / ווי דאָס פעלד אין פריען /
און איך וואַרט טאָג אויס, טאָג איין, / אַז אַ שטיין זאָל בליען.
(טויבן ביים ברונעם, ז' 56)

די מדינה זינקט אין פערמאַנענטער מלחמה מיט די אַראַבער. די מעדיא און פרעסע הערן נישט אויף צו ברענגען איוב־בשורות וועגן געפאַלענע טאַטעס, מאַמעס און קינדער אין שלאַכטן און פון טעראָר. דער דיכטערינס סענסיטיווע נשמה ווייטיקט. זי איז פאַרזאָרגט. טרוימט זי וועגן אַ וועלט פון שלום און זינגט:

אַז מענטשן וואָלטן אָנגעהויבן זייער טאָג / מיט פלאַנצן בלומען, /
וואָלט צו זיי קיין שלעכטס געמיט /
און מחשבות בייזע ניט געקומען. /
אין פינגער זייערע וואָלט גערוט / בלום און בלאַט, /
און קיינער וואָלט קיין ווילן ניט געהאַט / פאַר ביקס און גרוילן. /
די שענסטע ווערטער וואָלטן דאַן געקומען, /
אַז מענטשן וואָלטן אָנגעהויבן זייער טאָג / מיט בלומען. /
(ליכטיקע שטיינער, ז' 7).

אין רוב רבקהלעס לידער הערט זיך ווי זיי וואָלט באַגלייט אַ מינאָרע מוזיק. ווער עס הערט זיך צו צו די קלאַנגען, וואָס עמאַנירן פון רבקהלעס לידער און וויל דערגיין דעם סוד פון איר אומעטיק געזאַנג, זאָל זיך צוהערן צו די סטראָפן:

זינגען זינגען, / גאָט, ווי וויל איך זינגען, - / און איך וויין. /
איינגעוואָרצלט איז מיין זינגען / אין געוויין.
(בלעטער פון וועגן, ז' 86)

און:

ווייסע האַרפע / שטילקייט קוים־קוים זינגיקע, /
סטרונעס ציטערן אין מיר, - / ווייסע האַרפע. /
ניט דוד האָט אין דיר אַריינגעווײנט /
אַ קעניגלעכן עלנט, /
אַ ווייטער אייניקל / ביי דיינע שוועלן/
האָט דיך פאַרכישופט אין אַ שוואַן.
(בלעטער פון וועגן, ז' 94)

רבקהלעס געזאַנג איז ווי אַ תפילה צו גאָט, באַגלייט מיט געוויין. זי פאַרגלייכט איר געזאַנג צום קלאַנג פון קוים־קוים זינגיקע סטרונעס פון אַ האַרפע - דער איידעלער

אינסטרומענט, וואָס פלעגט אַ מאָל באַגלייטן דעם מלך דוד אין זיינע ליטורגישע תפילות.

פון וואַנען נעמט זיך דאָס אָפטע טרויערן און וויינען אין רבקהלעס מינאָרישע לידער?

מיר דוכט, אַז די דיכטערין טראָגט אין איר סובטעלער נשמה די גאַנצע ביטערניש, מיט וואָס דאָס יידישע פאָלק איז געפרוווט געוואָרן אין לויף פון די צוויי טויזנט יאָר צעשפרייטקייט איבער דער וועלט. די משא און עול איז צו שווער פאַר דער נשמהדיקער דיכטערין! טרויערט זי און וויינט אין אירע לידער.

די לעצטע צוויי לידערביכער "די ערד געדענקט" און "די דרייצנטע שעה", ווידמעט רבקהלע, מיינסטנס, איר לעבנס-באַגלייטער מולה בן-חיים, וועלכער איז אַוועק אין דער אייביקייט פאַר דער צייט, זי הערט נישט אויף צו טרויערן, נאָך אים, שטילערהייט.

פון זינט דו ביסט ניט דאָ, / חלום איך אַ ים פון וויין, /
וואָס קומט אַ טרער פאַרבייטן. / נאָר קיינער קאָן ניט /
זיס מאַכן / די זאַלציקיט פון טרערן, /
אַפילו ניט דער אַלטער וויין, / וואָס פון זיין ניגון /
פלעגט אונדז בעסער ווערן.

(די דרייצנטע שעה, ז' 18).

* * *

פון פיל רבקהלעס לידער עמאַנירט אויך האָפענונג און טרייסט, וואָס קומט פון הערן גוטע מוזיק.

וואָס דאַרף מען טאָן, ווען דאָס געמיט איז פאַרשוועכט, אין דער נשמה איז טרויעריק? זיך אַריינלאָזן אין ייאוש? ניין! רבקהלע עצהט -

לאָמיר הערן / גוטע מוזיק - / געזאַנגען / פרילינגדיק-יונגע, /
לאָמיר אַרויס / אַ קוק טאָן ווי פייגל / זוניקע זינגען. /
און לאָמיר הערן / ווי פרילינג / ליבט זיך / מיט גראָזן, /
און לאָמיר ניט קלערן / ווי איינזאַם / אַ מענטש איז / פאַרלאָזן.

(צעשאָטענע קרעלן ז' 41).

ביים אָפמערקן רבקהלעס קאָלאָסאַלן ביישטייער צו דער יידישער דיכטונג, פאַרלאַנגט זיך אונטערשטרייכן אָט וואָס: נישט ווייניק יידישע שרייבערס זענען, מיטן קומען קיין ישראל, אַריבער שרייבן אין העברעיש. אויך פאַר רבקהלען איז אָפן געשטאַנען דער זעלבער וועג. זי איז אָבער געבליבן טריי יידיש-לשון איר גאַנץ לעבן, און דאָס, אַ דאַנק איר לערערין ריווע, וועמענס: "ערשטע צעזונגענע אותיות באַטריפטע מיט האָניק און טרערן, זי האָט געשלונגען"... ביי איר, "האָט זי דעם שמייכל אין אומעט געלערנט..." (ליכטיקע שטיינער, ז' 19).

ווי קען רבקהלע נישט זיין טריי צו יידיש, אַז: די **יידישע אותיות - זענען טרערן פון איר געוויין,** (בלעטער פון וועגן, ז' 25).

און ווי זי זינגט אין איינעם פון אירע לידער: -

דו זיצסט ביים זייט און זעסט און לייענסט
די קליינע אותיותלעך אויף יידיש,

ווי עס פֿאַרשרייבן מיינע הענט
און איך דערהער דיין בליק,
אַז בלויז אין יידיש
ווערן מיינע אותיות ניט פֿאַרברענט.
(די דרייצנטע שעה, ז' 7).

(דאָס ליד האָט זי פֿאַרפֿאַסט אין אָנדענק פֿון איר מולהן). טאָ ווי אַזוי זאָל זי זיך צעשיידן מיט יידיש?...

* * *

סומירנדיק דעם רוב פֿון רבקהלעס לירישן זשאַנער, מיין איך, אַז כ'וועל נישט איבערטרייבן אויב כ'וועל אים פֿאַרגלייכן צום געזאַנג פֿון אַ טרויעריק־פֿאַרבענקטן נאַכטיגאַל אין דער יידישער פּאָעזיע. און, אַז פֿיל אירע לידער וואַרטן ס'זאָל צו זיי געשאַפֿן ווערן געהעריקע מוזיק.

ס'פֿאַרלאַנגט זיך צו באַטאָנען, אַז חוץ באַרייכערן די יידישע דיכטונג מיט ניין לידער־ביכער - אַלע זענען גראַפֿיש פּאַרמירט און קינסטלעריש אילוסטרירט פֿון איר מאַן, דעם מאָלער מולה בן־חיים - האָט רבקהלע אויף איר קאָנטע נישט ווייניק איבערגעזעצטע לידער פֿון העברעיש און פּויליש אויף יידיש.

רבקהלע איז לאַורעאַטין פֿון די חיים זשיטלאָווסקי, ה. לייוויק, דוד האָפּשטיין, איציק מאַנגער, י. פֿיכמאַן, אריה שמרי און פּאַלאַק פּרייזן. אירע לידער זענען איבערגעזעצט אויף העברעיש, ענגליש, פֿראַנצויזיש, פּויליש, דייטש און פֿלעמיש.

איבער זעכציק יאָר איז רבקהלע מהנה די ליבהאָבערס פֿון יידישער דיכטונג מיט איר שטיל־האַרציקן, נשמהדיקן געזאַנג. ווינטשן מיר איר, זי זאָל זיין געזונט און נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן באַרייכערן די יידישע דיכטונג מיט אירע נשמהדיקע לידער.

חשובע פֿריינט!
דער יידישער קולטור־קאָנגרעס, די "צוקונפֿט" און דער ציקאָ־פֿאַרלאַג באַגריסן האַרציק דעם יידישן קולטור־קלוב, דעם זשורנאַל "חשבון" און ספּעציעל דעם רעדאַקטאָר משה שקליאַר צו זיין באַקומען די פּרעמיע א"נ פֿון דוד האָפּשטיין.

מיר האָפֿן אַז איר וועט קאָנטינוירן אייער וויכטיקע אַרבעט פֿאַר אַ סך יאָרן.

מיט וואַרעמע גרוסן,
שלומה קריסטאַל

## משה (בן שלמה זאב) וואָלף

# דער פרויען־בונט אויף דער בערלינער "ראָזען־שטראַססע" (1943)

## א.

לא יאומן כי יסופר. היינט, ווען פון יענער צייט זענען שוין אַריבער 60 יאָר פון אונדזער דראַמאַטישער היסטאָריע, איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז אַזוינס האָט זיך געקאָנט פאַרלויפן: און ווי? - אין סאַמע צענטער פון נאַצישן רייך.

אין בערלין, עטלעכע מינוט צופוס־גיין פון צענטראַלן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, געפינט זיך איינע פון די עלטסטע גאַסן, וועלכע די אַמאָליקע איינוווינער האָבן צוליב די וואַקסנדיקע דאָרט פּרעכטיקע רויזן, אָנגערופן "ראָזענשטראַסע". אויף דער דאָזיקער גאַס האָט זיך געפונען אַ גרויסע געביידע, וואָס האָט דורות לאַנג געהערט צו דער יידישער קהילה. די נאַציס האָבן קאָנפיסקירט דעם בנין, אַרויסגעשליידערט פון אים אַלע יידישע אַטריבוטן און האָבן אים צוגעפּאַסט פאַר זייערע צוועקן - פאַרוואַנדלט אין אַ טראַנספּער־לאַגער, דורך וועלכן עס זענען אַריבערגעפירט געוואָרן צו די טויט־לאַגערן טויזנטער יידן. אין די ערשטע טעג פון חודש מערץ 1943, האָט זיך דאָרט פאַרנאַנדערגעוויקלט אַ דראַמאַטישע געשעעניש.

צונויפגעזאַמלטע אין דעם דאָזיקן בערלינער טראַנספּער־לאַגער אויף דער רויזן־גאַס (Rozenstrasse, 2-4). עטלעכע טויזנט יידן אָנשטאָט צו ווערן דעפּאָרטירט אין די טויט־לאַגערן, זענען זיי דעם 15 מערץ 1943 באַפרייט געוואָרן און זיך אומגעקערט אַהיים. נאָך מער - 25 יידן, וועלכע האָבן זיך שוין געפונען אין אוישוויץ, האָט מען אומגעקערט קיין בערלין אויף דער פריי. געציילטע יחידים פון זיי לעבן עד היום.

דאָס באַפרייען די פאַראורטיילטע צום טויט יידן איז געשען נישט ווי אַ רעזולטאַט פון אַ געהיימער אונטערערדישע אָפּעראַציע. זיי אַלע זענען אָפן באַפרייט געוואָרן דורך די נאַצי־מחבלים. די ניצול געוואָרענע האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, באַקומען די נייטיקע אויסווייזן און פערזאָן־שיינען.

די פעדאַנטיש־פונקציאָנירנדיקע אויסראָטונג־מאַשין האָט צום ערשטן מאָל געמוזט שווייגנדיק מודה זיין, אַז זי האָט דאָס מאָל איבערגעטריבן די מאָס.

די רעטונג פון די דאָזיקע יידן איז פאָרגעקומען, אַ דאַנק עטלעכע טויזנט דייטשן, - אין דער איבערוועגנדיקער מערהייט - בערלינער דייטשישע פרויען - וועלכע האָבן במשך פון צוויי וואָכן, יעדן טאָג פון פרי ביז נאַכט, פאַרנומען די "רויזן גאַס" און מיט געוואַלד־געשרייען געפאָדערט אַרויסלאָזן און אומקערן אַהיים זייערע מענער, טאַטעס און קינדער. דאָס איז געווען דער ערשטער און איין און איינציקער פּראָטעסט פון דייטשן קעגן דער נאַציסטישער ראַסן־פּאָליטיק. דער דאָזיקער אומגעהויערער ווידערשטאַנד האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ נצחון - אַ נצחון פון דעם "מעט על הרבים".

די פּראָטעסטירנדיקע חתונה געהאַטע פאַר יידן דייטשישע פרויען, ניט געקוקט אויף די דראָונגען פון די באַוואָפנטע ס.ס.־רוצחים, האָבן אַרויסגעוויזן עכטן מוט, שרעקלאָזיקייט און האָבן דורכגעמאַכט אַ פולן מיט דראָונגען און נסיונות דערנער־וועג. לאַנגע יאָרן האָבן זיי עקשנותדיק זיך קעגנגעשטעלט די אומאויפהערנדיקע פאָדערונגען פון דער מאַכט זיך צו גטן מיט זייערע יידישע מענער. דער דאָזיקער פרויען־ווידערשטאַנד האָט זיי געראַטעוועט: - גט האָט באַטייט דעפּאָרטאַציע און אומפאַרמיידלעכער טויט.

כדי ריכטיק אָפּצושאַצן די דאָזיקע געשעענישן איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז צו יענער צייט האָבן די אומאויפהערלעכע נצחונות פון דער דייטשישער אַרמיי אויף די

פראַנטן זיך שוין פאַרענדיקט. דעם 31 יאַנואַר 1943 האָט אין סטאַלינגראַד קאַפּיטולירט דער פעלד־מאַרשאַל פּאַולוס און זיין אַרמיי: 300,000 דייטשישע זעלנער און אָפיצירן זענען אַוועק אין סאָוועטישן געפענגעניש. צום ערשטן מאָל האָט די דייטשישע באַפעלקערונג דערפילט, אַז די מלחמה קאָן זיך פאַרענדיקן מיט היטלערס מפלה. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיך פאַרגרעסערט נאָך דעם, ווען אין דער נאַכט פון ערשטן־צווייטן מערץ 1943 האָבן די בריטישע לופט־כוחות דורכגעפירט איינע פון די שטאַרקסטע בערלין־באָמבאַרדירונגען, גאַנץ בערלין איז געשטאַנען אין פלאַמען. אין דער דאָזיקער נאַכט זענען אומגעקומען מער פון 500 מענטשן. טויזנטער האָבן פאַרלוירן זייערע היימען.

די היסטאָריע פון דער רעטונג־אַקציע אויף דער "רויזן־גאַס" איז געווען ניט נאָר אוניקאַל, נאָר אויך ביז גאָר באַלערעוודיק. זי פאָדערט פון אונדז אויספילן דעם אָנזאָג – "זכור והגדת" – "געדענק און דערצייל" – די יונגע און קומענדיקע דורות, מוזן זיך פאַרטראַכטן איבער אייניקע מאָראַלישע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן ניט פאַרלוירן זייער אַקטועלקייט אויך אין אונדזערע טעג.

## ב.

ווי ס'איז באַוווּסט, איז די ראַסן־טעאָריע פון דער דייטשישער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (נסדאַ"פּ) געווען שוין פאַרענדיקט אין די ערשטע 30־קער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. אין מאַי 1943 האָט דער אָבער־פּרעזידענט פון דער בראַנדענבורג־פּראָווינץ געשריבן אין אַ צייטונג־אַרטיקל: "אַ ייד איז דער, וואָס טראָגט אין זיך מער פון 10% יידיש בלוט". דאָס האָט באַטייט, אַז געמישטע חתונות צווישן יידן מיט דייטשן מוזן פאַרבאָטן ווערן.

ביז דעם קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט האָבן אין דייטשלאַנד געלעבט אַן ערך פון אַ האַלבן מיליאָן יידן. נאָך דער טרויעריק באַוווּסטער "קרישטאָל נאַכט", דעם 9־טן נאָוועמבער 1938, האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע עמיגראַציע פון די דייטשישע יידן. צו עמיגרירן האָט זיי געטרייט אַ גרויסע צאָל פאַרשיידענע אַנטיסעמיטישע גזרות, פאַרהעצונגען, פאַרבאָטן און רעכט־ באַגרענעצונגען, וועלכע האָבן אָפּגעסמט דאָס יידישע לעבן. אין דעם פילמיליאָניקן בערלין, ווו די (ניט גרויסע צאָל) יידן האָבן וויניקער זיך געוואָרפן אין די אויגן און געקאָנט זיך גרינגער אויסבאַהאַלטן, איז די לאַגע געווען אַ ביסל גרינגער. אָבער נאָך דעם 19־טן סעפּטעמבער 1941, מיט דעם אַריינפירן דעם געזעץ, אַז יידן מוזן טראָגן אויף זייערע קליידער געלע לאַטעס מיט 6 קאַנטיקע שטערן – מגן דודן – האָט אויך די לאַגע פון די בערלינער יידן זיך ביז גאָר פאַרערגערט. צו יענער צייט זענען אין דייטשלאַנד פאַרבליבן נאָר 163,696 יידן; אין 6 חדשים שפּעטער, אין יאַנואַר 1942 – נאָר 131,823; אין 1943, קרוב צו די געשעענישן אויף דער "רויזן־גאַס", האָבן שוין דאָרט געלעבט נאָר 51,257 יידן, פון זיי האָבן 27,000 זיך געפונען אין בערלין.

לויט די אָפּשאַצונגען פון היסטאָריקער זענען 400,000 דייטשן געווען אינטים פאַרבונדן מיט יידישע זיווגים – די מענער (פרויען), זייערע קינדער און קינדס קינדער האָבן אָפיציעל זיך גערעכנט אַלס "יידן". די נאַצישע פאַרפאָלגונגען, פון וועלכע עס האָבן געליטן די דאָזיקע יידיש־אָפּשטאַמיקע קינדער, זייערע יידישע מאַמעס (טאַטעס), האָבן אויך טיף טראַוומירט זייערע עכט דייטשישע קרובים. ניט רעכענענדיק זיך מיט דער מיינונג פון אַזאַ גרויסער צאָל דייטשישע בירגער, האָט די מאַכט ניט געקאָנט. די יידן פון "געמישטע" חתונות זענען געווען ניט אַזוי אומבאַהילפיק קעגן דער אכזריותדיקער

מאַכט, ווי די מערהייט פון די אַנדערע יידן, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין משפחה־פאַרבינדונגען מיט אַרישע בירגער.

פאַר דעם אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט היטלער אַריינגעפירט נייע טערמינען אין דער קאָמפּליצירטער ראַסן־אַריטמעטיק: "געמישטע" חתונות צווישן אַריער־מענער און יידישע פרויען, האָט ער דעפינירט ווי "פּריווילעגירטע". אין קעגנזאַץ צו זיווגים פון יידישע מענער מיט אַריער־פרויען, וועלכע ער האָט באַצייכנט ווי "פּשוטע" געמישטע הייראַטן. די "פּריווילעגירטע" פאַמיליעס - די פרויען, און זייערע קינדער זענען באַפרייט געוואָרן פון טראָגן אויף די קליידער די געלע שונד־לאַטעס, בעת די מענער און פרויען פון "פּשוטע" הייראַטן זענען פאַקטיש געווען צוגעגלייכט צו אַלע אַנדערע יידן - זיי האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון זייערע היימען און באַזעצט אין ספּעציעלע "יידישע הייזער". אַזאַ גורל איז, באַזונדערס, אויסגעפאַלן אויף דעם באַרימטן פילאָלאָג און שרייבער וויקטאָר קלעמפּערער, וועלכער באַשרייבט מיט גרויס מייסטערשאַפט די דאָזיקע געשעענישן אין זיינע "טאָגביכער". וויקטאָר קלעמפּערער האָט איבערגעלעבט די מלחמה נאָר אַ דאַנק זיין אַרישער ווייב. אין טראַנספּער־לאַגער אויף דער "רויזן־גאַס" האָבן זיך געפונען יידן פון "פּשוטע" געמישטע חתונות. דערפאַר טאַקע האָבן קעגן זייער אויסזידלונג פּראָטעסטירט פרויען - זייערע דייטשישע ווייבער.

געמישטע חתונות צווישן דייטשן און יידן האָבן געדראָט דעם הויפּט־ציל פון די נאַצישע רוצחים - איזאָלירן די יידן פון דער אַרישער באַפעלקערונג. דערפאַר האָט די מאַכט אָנגענומען פאַרשיידענע שטרענגע מיטלען צו די דייטשישע פרויען, זיי זאָלן זיך גטן מיט זייערע יידישע מענער. אין גאַנג זענען אַוועק פאַרשיידענע הבטחות און דראָונגען. אין די פאַלן, ווען ס'האָט זיך איינגעגעבן דורכפירן אַזאַ מין גט, פלעגט די "יידישע העלפט" תיכף ומיד פאַרשווינדן - די נאַצישע רוצחים האָבן אָן שום וואַקלונגען אַוועקגעשיקט זיי אין די טויט־לאַגערן. אין די פאַלן, ווען קעגן דעם ווילן פון די מחבלים זענען די "געמישטע" זיווגים פאַרבליבן אומגעשיידטע, האָט די מאַכט לאַנג זיך געוואַקלט און אויסגעוואַרט אויף "מער פּאַסיקע" באַדינגונגען.

די פּראָבלעם פון "געמישטע הייראַטן" איז פיל מאָל דיסקוטירט געוואָרן בעת די באַראַטונגען פון די נאַצישע העכסטע אָנפירערס. די פאַשיסטן האָבן ניט געקאָנט און ניט געוואָלט זיך דערלויבן שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז יידן זאָלן האָבן לעגאַלע מעגלעכקייטן צו עקזיסטירן אין דעם היטלערישן רייך. פּרינציפּיעל, זענען אַלע פּאַרטיי - און מלוכה־אינסטאַנצן געווען איינמוטיק, אַז די יידן מוזן אומגעבראַכט ווערן, אָבער, בנוגע די יידן פון די "געמישטע פּאָרפּעלקער", זענען אויף לאַנג פאַרבליבן חילוקי דעות צווישן הימלערן און געבעלסן. דער שעף פון די מלוכה־זיכערהייט כוחות, הימלער, זיין שטעלפאַרטרעטער היידריך און אַדאָלף אייכמאַן א"א יש"ו האָבן געפאָדערט, אַז אַלע יידן - אָן אויסנאַם - זאָלן תיכף ומיד דעפּאָרטירט ווערן אין די טויט־לאַגערן, ניט געקוקט אויף די פּראָטעסטן פון די דייטשישע מענער און פרויען. די אָנגערופענע הויך־ראַנגיקע פירערס האָבן פאָרגעלייגט דורכפירן געוואַלד־גטן, סטערעליזירן די יידישע מענער און פרויען, און געמיינזאַמע - מאַן און ווייב - אויסזידלונגען פון "געמישטע" משפחות. געבעלס, - און אין סוף פון די דיסקוסיעס - אויך היטלער פאַרקערט: זיי האָבן געהאַלטן, אַז די פּראָטעסטן פון די דייטשישע פרויען און מענער שטעלן מיט זיך פאָר אַ געפאַר פאַר דער "איינהייט" פון דער דייטשישער נאַציע. דערפאַר איז געוואָרן באַשלאָסן פריער אַדורכפירן די "ענדגילטיקע" לייזונג פון דער

"יידישער פּראָבלעם" אין די אָקופּירטע אייראָפּעישע לענדער און דערנאָך זיך אומקערן צוריק - צו דעם ענין פון "געמישטע" פאַרפעלקער. אין "אַלטן רייך". וכך הוא אין 1943 האָט די נאַצי־מאַכט זיך טאַקע "אומגעקערט" צו לייזן די פּראָבלעם פון די "געמישטע משפחות" אין "אַלטן רייך".

* * *

די ערשטע ידיעה וועגן די געשעענישן אויף דער "ראָזען־שטראַסע" האָט זיך באַוויזן, באַלד נאָך דעם ווי ס'האָט זיך פאַרענדיקט די מלחמה, אין דער בערלינער פרויען־צייטונג - "זי". דערנאָך האָבן היסטאָריקער און די זשורנאַליסטן במשך פון לאַנגע יאָרן וועגן דעם מער ניט געשריבן. ערשט אין די 90־ער יאָרן האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען מאָנאָגראַפיעס, אַרטיקלען און אַ דאָקומענטאַלער פילם, וועלכע האָבן באַלויכטן די אויבן דערמאָנטע געשעענישן. לכבוד דעם 40 יאָריקן יובל פון דער ???? דייטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק איז, לויט דעם פּראָיעקט פון דער קינסטלערין אינגעבאָר הונציקער, באַשאַפן געוואָרן אַ מעמאָריאַל - אַ סקולפּטורן־קאָמפּלעקס, וועלכער איז אַקטהילט געוואָרן נאָר נאָך דעם, ווי עס איז געפאַלן די, טרויעריק באַוווסטע, "בערלינער וואַנט".

אין הסכם מיט די אָנגעוויזענע אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַלן האָבן די געשעענישן זיך אַנטוויקלט אַזוי:

...שבת אין דערפרי, דעם 27־טן פעברואַר 1943, כדי דייטשלאַנד זאָל ווערן "יודנריין", האָט אין בערלין זיך אָנגעהויבן אַ צוויי־וואָכעדיקע אַקציע אונטער דעם באַדינגלעכן נאָמען "פאַבריקן", אין די פאַבריקן אין וועלכע עס זענען געווען פאַרנומען אויף צוואַנגס־אַרבעטן בערלינער יידן, האָבן פּלוצעם זיך אַריינגעריסן באַוואָפנטע ס.ס.־זעלנער. זיי האָבן פאַרטריבן די יידן אין ספּעציעל צוגעגרייטע לאַסט־וואַגאָנען. און צוזאַמען מיט אַנדערע יידן, פאַרבליבענע אין די היימען, (אַפילו די קראַנקע), אַוועקגעפירט אין פאַרשיידענע טראַנספּער־פּונקטן. פון דאַנען האָט מען זיי גרופּנווייז צעפירט אין פאַרשיידענע טויט־לאַגערן.

די דאָזיקע אָפּעראַציע האָט אויסגעפּלאַנירט דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער געבעלס. זי האָט באַדאַרפט זיין אַ מתנה פאַר היטלערן, ימח שמם וזכרם, צו זיין 54־טן געבורטסטאָג (דעם 20־טן אַפּריל) און האָט לויט געבעלס' מיינונג באַדאַרפט דערהייבן דעם מאָראַלישן גייסט פון דער דייטשישער נאַציע.

אין דער אָפּעראַציע האָבן זיך באַטייליקט אויסגעקליבענע אָפּטיילונגען פון דעם "אַדאָלף היטלער" אַוואַנגאַרד, אונטער דער אָנפירונג פון דעם הורג־נפש אַלויז ברונער וועלכער האָט מיט 3 יאָר פריער "אויסגערייניקט" די עסטרייכישע הויפּטשטאָט ווין פון יידן.

לויט דעם געהיימען "פאַבריקן" אָפּעראַציע־פּלאַן, האָבן געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן אין די טויט־לאַגערן 18 טויזנט יידן. אָבער אויספילן פולקאָם דעם פּלאַן האָט זיך די נאַציס ניט איינגעגעבן. אין זיין טאָגוך (מערץ 11, 1943) האָט געבעלס פאַרנאָטירט, אַז "מינימום 4000 יידן האָבן זיך דערוווסט וועגן דער פאָרשטייענדיקער אָפּעראַציע, און זיי האָט זיך איינגעגעבן צו אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן". אין פעריאָד פון 1־טן ביז דעם 12־טן מערץ 1943 זענען קיין אוישוויץ אַוועקגעשיקט געוואָרן 12 טויזנט יידן. אַן ערך 1,500 - 2 טויזנט יידן - מענער פון "פּשוטע" געמישטע פאָרפעלקער זענען פאַרבליבן אין דעם טראַנספּער־לאַגער אויף דער "ראָזען שטראַסע". זיי האָבן אַרויסגעראַטעוועט די דייטשישע פרויען.

דער אַמעריקאַנער היסטאָריקער נייטען (נתן) שטאָלצפוס האָט באַצייכנט דעם קאַמף פון די דייטשישע פרויען קעגן דער דעפּאָרטאַציע פון זייערע יידישע מענער און קרובים ווי אַ "ווידערשטאַנד פון האַרצן" (heart-resistance). אַ גרויסע צאָל פון די דייטשישע פרויען האָט געבראַכט אויף דער "רויזן־גאַס" זייער ליבע און טרייהייט צו זייערע מענער, טאַטעס פון זייערע קינדער. הערבאַרד אַ זון פון אַ "געמישטן" פּאָרפּאָלק איז ניצול געוואָרן, אַ דאַנק דער ליבע פון זיין פרוי אורסולאַ – אַ טאָכטער פון דייטשע קאַטויליקער. צוויי וואָכן האָבן אורסולאַ און אירע עלטערן איינגעלייגט וועלטן. דער אויבן דערמאָנטער בנין אויף דער רויזן־גאַס איז געווען אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע ס.ס.־שומרים און אורסולאַ איז געווען איבערגעפּולט מיט פּחד. אָבער איר ליבע צו איר מאַן האָט איבערגעוויגן די עקלהאַפטיקע שרעק. כדי צו באַקומען אַ ידיעה, אַז איר מאַן הערבאַרד איז נאָך אַלץ ניט דעפּאָרטירט געוואָרן, פלעגט זי אויסניצן פאַרשיידענע שפּיצלען. איין מאָל האָט זי זיך געווענדט צו דעם שטרענגסטן וועכטער מיט אַ ביטע צו געפינען איר מאַן, בראַון הערבאַרדן, און אָפּנעמען ביי אים די שפּייז־קאַרטלעך, וועלכע ער "האָט פאַרגעסן אָפּגעבן" איר בעת ער איז אַרעסטירט געוואָרן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער וועכטער איר אָפּגעגעבן די דאָזיקע קאַרטלעך.

אורסולאַס שוועסטער, די פרוי פון אַ יידן, איז אין 1942 אומגעקומען צוזאַמען מיט איר מאַן אין מיידאַנעק.

ניט שטענדיק איז דאָס ליבע־געפיל געווען די טרייב־קראַפט, וואָס האָט געשיקט די דייטשישע פרויען גיין פּראָטעסטירן אויף דער "רויזן־גאַס". ס'זענען געווען פאַלן, ווען ניט ליבע, נאָר זייער געפיל פון מענטשלעכן יושר, זייער דעמאָקראַטישער און אַנטיראַסיסטישער וועלט־באַנעם האָבן זיי געיאָגט אַהין, ווו זייערע מענער האָט געדראָט אַ טויט־סכנה. דאָס פּאָרל היינץ און אַננאַ אולשטיין האָבן שוין עטלעכע יאָרן געלעבט באַזונדער און זיך געקליבן גטן אין די נאָענטסטע טעג. דער גט־דאָקומענט איז שוין געווען כמעט פאַרטיק, אָבער אין לעצטן מאָמענט, ווען מען האָט אָנגעהויבן איינזעצן די יידישע מענער אין טראַנספּער־לאַגער אויף דער "רויזן־גאַס", האָט זי אָפּגערופן איר גט־מעלדונג, און דאָס האָט געראַטעוועט היינצס לעבן. נאָך דער מלחמה. אין זיין זכרונות־בוך, האָט היינץ אולשטיין געווידמעט אַ קאַפּיטל זיין געוועזענער פרוי, א"נ "דייטשלאַנד... אַננאַ דאָס ביסט דו! (Deutshland... Anna Das Bist Du!)*.

### ג.

דער דערפאָלג פון די פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס אויף דער "רויזן־גאַס" דערלויבט אונדז אויפסניי באַטראַכטן די געשעענישן פון אונדזער ניט ווייטן עבר, באַזונדערס, – די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דייטשישן פאָלק לגבי די פאַרברעכנס פון די נאַציס. ביז היינט באַרעכטיקן זיך די דייטשישע בירגער, אַז זיי "האָבן ניט געהאַט קיין שום אַנונג וועגן טויט־לאַגערן און גאַזקאַמערן, אין וועלכע ס'זענען פאַרניכטעט געוואָרן מיליאָנען יידן" אַ שמץ אמת איז אפשר אין דעם יאָ פאַראַן. די פּלענער פון דער נאַציסטישער אָנפירונג וועגן "דער ענדגילטיקער לייזונג פון דער יידן־פּראָבלעם", האָבן די מחבלים אָנגענומען און באַמיט זיך זיי אויספילן בסוד. אָבער די דייטשישע באַפעלקערונג האָט גוט געזען, ווי פון טאָג צו טאָג זענען די פאַרפאָלגונגען קעגן די יידן געוואַקסן און געוואָרן אַלץ אַכזריותדיקער. איידער די פאַרניכטונג איז אויסגעפירט געוואָרן, האָבן די דייטשישע מענטשן געזען די טאָג־טעגלעכע איזאָלאַציע און די קאָנצענטראַציע פון זייערע יידישע שכנים אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן; נאָר נאָך דעם, איז

פאַרגעקומען די פיזישע פאַרניכטונג פון די אומבאַהאָלפענע קרבנות.

די געשעענישן אויף דער "רויזן־גאַס" באַווייזן, אַז אויב די יידן וואָלטן געווען ניט איזאָלירט פון דער דייטשישער געזעלשאַפט, וואָלט זייער פאַרניכטונג געווען ניט לייכט אויסצופילן. די דייטשישע באַפעלקערונג האָט ניט דערווידערט קעגן דער איזאָליאַציע פון זייערע יידישע שכנים און פריערדיקע פריינד, אָנגעהויבן פון 1933 האָט קיינער ניט פּראָטעסטירט קעגן די ראַסן־געזעצן און אַנטיסעמיטישע פאַראָרדענונגען פון די נאַציס. און דאָס האָט צעבונדן די הענט פון די פאַשיסטישע פאַרברעכערס און דערמעגלעכט זייער אומרחמנותדיקן יידן־מאָרד.

דער וועלט באַוווסטער פּסיכיאַטער און פילאָזאָף קאַרל יאַספּערס האָט אין זיין ערשטער עפנטלעכער נאָך־מלחמהדיקער דערקלערונג געזאָגט: "מיר, די ניצול געוואָרענע דייטשן, האָבן ניט געזוכט דעם טויט. אונדז האָט מען ניט אַרעסטירט, ווי אונדזערע יידישע פריינד, ניט אַרויסגעטריבן פון אונדזערע היימען אויף דער גאַס, ניט געפּייניקט, ניט געהרגעט. מיר האָבן געהאַלטן פאַר גלייכער צו שווייגן און פאַרבלייבן לעבן, פאַרטיידיקנדיק זיך מיט דעם שוואַכן תירוץ, אַז אונדזער טויט וועט אַלציינס קיינעם ניט העלפן. דאָס, וואָס מיר לעבן איז אונדזער שולד"

די פּראָטעסטן אויף דער "ראָזען־שטראַסע" זענען פאַר די מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין זיי, געווען די העכסטע מדרגה פון זייער געוויסן אין דער ביז גאָר שווערער צייט פון זייער לעבן.

זייער פּראָטעסט איז געווען אָנגעצילט קעגן דער ראַסיסטישער אידעאָלאָגיע פונעם נאַציסטישן רעזשים.

---

(המשך פון ז' 13)

סקולפּטור־פּאָרטרעט, אונטער אים איז אויסגעקריצט: "אַרי שטערנפעלד - דער פּיאָנער פון קאָסמאָנאַוטיק". און אַ לאַטיינישער אַפאָריזם: "per aspera ad astra" - "דורך דערנער צו די שטערנס"

## עפּילאָג

אין ישראל, אין פּרעכטיקן שטעטל קרית־עקרון לעבט אַרי שטערנפעלדס טאָכטער עללאַ בערמאַן־שטערנפעלד, וועלכע איז געקומען אַהער אין 1990, זי האָט איבערגעגעבן איר טאַטנס אַ רייַ וויכטיקע אַרכיוו־דאָקומענטן דעם אַסטראָנאָמישן מוזיי אין ישראל. דער ראש העיר פון קרית־עקרון אַריק חאַדאַד טוט אַלץ וואָס איז מעגלעך צו פאַראייביקן אַרי שטערנפעלדס נאָמען. דעם 15 אָקטאָבער 1996 איז אין דעם נייעם בנין פון דער ביבליאָטעק אין קרית־עקרון פאָרגעקומען אַ וויסנשאַפטלעכער קאָנגרעס. אויף דער ערשטער זיצונג אין דער אָנוועזנהייט פון הונדערטער געלערנטע און אַמבאַסאַדאָרן (פון פּוילן - וואָיצעך אַדאַמעצקי; פון רוסלאַנד - אַלעקסאַנדער באָווין און פון פראַנקרייך - זשאַן־לוי דיוקלאָ) איז אַנטהילט געוואָרן אַ באַרעליעף, וועלכן ס'האָט אויסגעקלעפּט שטערנפעלדס פריינד, דער באַוווסטער אין פראַנקרייך סקולפּטאָר מיכאל מילבערגער. אַ גאַס פון דער שטאָט איז צוגעאייגנט געוואָרן שטערנפעלדס נאָמען. אויך אַ קראַטער אויף דער לבנה האָט מען אָנגערופן מיט זיין נאָמען. מעמאָריאַלע טאָוולען זענען איינגעמויערט געוואָרן צו די פאָדער־ווענט פון די הייזער אין פּוילן, פראַנקרייך און אין רוסלאַנד, אין וועלכע ס'האָט געוווינט און געשאַפן דער "שטורמאַן פון די קאָסמישע טראַסעס", אַרי שטערנפעלד. ברוך יהי זכרו.

---

*) דער מחבר דריקט אויס זיין דאַנק יעווגעני בערקאָוויטשן און דעם רעדאַקטאָר פונעם רוסישן אינטערנעץ סעם. 40. רו (sem 40. ru), פאַר דער דערלויבעניש זיך צו באַנוצן מיט די מאַטעריאַלן, וועלכע דערשיינען רעגולער אויף דער "סייט" -"פאַרצייכענונגען איבער דער יידישער היסטאָריע".

שמחה סימכאָוויטש / טאָראָנטאָ

## שבת פאַרנאַכטן*)

היט אויף די שלווה
פון שבת פאַרנאַכטן;
דעם הימל בלויען,
הייליק־פאַרטראַכטן.

און יענעם איידעלן
ניגון פון חסידות,
אין טונקעלע קלויזן
צו שלוש־סעודות.

געווען איז דער ניגון
אין צער געלייטערט,
צום הימל געשטיגן
אויף יעקבס לייטער.

ס׳האָבן געקנייטשט זיך
די ברייט־קלוגע שטערנס
די אויגן געצונדן
מיט ערלעכע טרערן.

די הענט געפלאָכטן
צונויף ווי אַ קייט;
דער הייליקער שבת
פאַרגייט, פאַרגייט.

## היים

כ׳וועל קושן דעם שטויב פון דיין ערד
און גיין מיט אָפענע וויעס
אַקעגן זון־אויפגאַנגען דיינע
און שקיעות –
היים מיין באַשערטע,
באָרטן פון שיפבּרוכן אַלע,
ערד־טרייסלען גרוליק־פאַטאַלע.
כ׳וועל פרייען זיך מיט יעדן טאָג –
אַ געשאַנק פון גאָט אין שעהן
פון חסד;
מיט היים און גאַס,
יום־טוב און וואָך באַנייטער,
מיט יאָרן פון פיין און געלייטער.

## אַ תפילה פון אַ יידישן פאָעט

שר פון שירה, פאַרהוילענער קוואַל
פון אמת און שיינקייט אין גרויסן וועלטאַל,
דו האָסט מיך באַשאָנקען מיט גאָלד פונעם ליד,
פון יידישן ליד, וואָס האָט אויפגעבליט
ווי צוויט אויף אַ בוים נאָך ווינטער־זאַוויי,
פאַרנעם מיין געבעט, מיין פאַרשטילט געשריי:
זאָל קוואַלן מיט מים חיים מיין ברונעם
און פייכטן מיט יידישע ווערטער מיין גומען.
און זאָל מיך מיין ליד דערהייבן און ערן
און די פּרוכטיקע טעג זאָלן זיך מערן.

*) פון ש. סימכאָוויטשעס נייעם בוך: ״דעם נצח אַנטקעגן״.

מ. אייזענבוד / מעלבורן

# דער קלאַס פון 37־טן יאָר.
## (דערציילונג)

זיסל איז ניט געווען דאָס שענצטע מיידל אין קלאַס, מחמת קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער. וועלכער מען האָט שוין פון לכתחילה גערופן מיטן אומאָפּפרעלעכן נאָמען: פופע.

צי זי האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ ליאַלקע איז געווען אָפּהענגיק פון דעם, פון וועלכן ווינקל מען האָט זי גענומען אונטערן שפּאַקטיוו: ווי אַלט דער פאַרליבטער איז געווען...

סיי ווי - זי איז געווען אַ זאָרגלאָז־פריילעכע, אַ צוגעלאָזענע, מיט חן־גריבעלעך איןביידע באַקן און זיך וואַרעם געטוליעט. דאָס איז אויך געווען אַ מין באַנעמונג וואָס האָט אונטערגעשטראָכן, אַז זי איז גאָרניט אויסן - אָט: באַוווּנדער מיין שיינקייט...

ווען שילער פון אַנדערע שולן זענען געקומען באַזוכן די מיידלעך אין אינטערנאַט פון דער האַנטווערקער־שול, האָט זיך פופע טאַקע אָנגעזען. צו וועמען מען איז ניט געקומען, האָט מען קודם זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר...

דעריבער האָט טאַקע קיינער ניט באַמערקט ווי אַזוי און ווען פון צווישן אַלע מיידלעך איז דווקא זיסל געוואָרן דער צענטער, צו וועלכן עס האָבן גראַוויטירט די בחורים.

ניאָמקע, דער מאַטעמאַטיקער פון טשעטשיקס גימנאַזיע, איז טאַקע געווען דער ערשטער, וואָס האָט וועגן דעם געהאַט צו זאָגן:

– זי איז געוואָרן דער צענטער צו וועלכן די שילער האָבן אָנגעהויבן גראַוויטירן, כאָטש לויט דער לאָגיק האָט עס געדאַרפט זיין פופע.

– דערקלערן אַ מיידל לויטן שכל הלאָגיק - קאָן נאָר אַ טרוקענער מאַטעמאַטיקער, ווי ניאָמקע - איז אים איצל אַריינגעפאַלן אין די רייד - אַ מיידל איז דאָך ניט קיין פיגור אויפן שאָך־ברעט.

איצל האָט פיינט געהאַט פאָרמולעס און לאָגיק - דערפאַר האָט ער אָבער ליב געהאַט מוזיק און מיידלעך. אָבער מודה געווען האָט ער זיך:

---

(המשך פון ז' 19)

פּאָעט איז פיזיש אומגעקומען מיט זיין פאָלק. ער איז אויסגעגאַנגען צוזאַמען מיט אים - זיין פלאַץ איז געווען "דאָרטן", מיט זיינע פוילישע יידן, זיינע לייענער, זיינע פאַרערער. ער בענקט - ער בענקט נאָך יעדן ווינקל, און פאַראייביקט זיי אין אַ פּאָעמע פון דעם בוך "איצטער": "דאָרט איז איצטער פרילינג / דאָרט בליען קאַשטאַנען / איך ווייס נאָך געניי / ווו אַ בוים איז געשטאַנען / ביים קאַזשמיערס אַריינפאָר / ווי לייכטער מיט פלעמלעך, / קאַשטאַנען, אַקאַציעס און ווערבעס און ליפּעס / ביים ברעג קליינע שיפלעך און גרעסערע קריפּעס / אויף יענער זייט ווייסל די פלאַכקייט איז גרעסער / די פעלדער קוואַדראַטן, די פלאַנצן, די גראָזן / דאָס זעט אויס איצט אינגאַנצן אויף הפקער פאַרלאָזן / אויף הפקער פאַרלאָזן".

ער איז געווען דער פּאָעט פון אויסגעשאָכטענע שטעט, איז די עלעגיע פאַר אים, און צו אים - די עלעגיע צום יידישן פּאָעט זוסמאַן סעגאַלאָוויטש.

- זיסל איז געקנאָטן פון גאָר אַן אַנדער טייג...

ניאָמקע גלייבערזאָן איז ניט געווען פון די בחורים וואָס גיבן אַזוי שנעל נאָך.

- זיסל האָט איר אייגענע ביאָלאָגישע טעאָריע, און לויט איר באַהאַנדלט זי אירע פריינד, פאַר איר זענען בכלל ניטאָ קיין בחורים־מיידלעך, נאָר חברים און קעגנער. זי צעטיילט די געזעלשאַפט לויט קלאַסן און פאַרטייען.

- זיסל האָט היפּשלעך פאַרשפּעטיקט מיט איר טעאָריע - האָט איצל דערויף באַמערקט - ווען גאָט וואָלט אָנגענומען זיסלס טעאָריע, וואָלטן פּאַסירט צוויי זאַכן: ערשטנס - וואָלט בכלל קיין קריג ניט געווען. צווייטנס - וואָלט ער אָנשטאָט מענער און פרויען, באַלד אָנגעפילט דעם גן־עדן מיט סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, בונדיסטן, ציוניסטן און עסט קינדערלעך גראָז - און פירט דעבאַטן. אַזאַ יאָר אויף מיר, ווי ער האָט געהאַט מער שכל: ער האָט באַשאַפן מענער און פרויען צוליב גאָר אַנדערע צוועקן, ווי פירן פּאָליטישע דעבאַטן...

מעגלעך: זיסל האָט אפשר יאָ געוווסט, וועגן וואָס חברה שפּאַרן זיך, הגם זי האָט זיך קיין מאָל ניט פאַרטראַכט וועמען צו געבן גערעכט. ס'איז געווען דאָס יאָר 1937. די וועלט האָט געצאַפּלט אין פּאָליטישע קאָנוולסיעס, ווי אַ שווער־קראַנקער. די יוגנט האָט געפלאָטערט מיט אידעאָלאָגיעס; געשלונגען פּאָליטישע לופט וואָס איז פול געווען מיטן ריח פון דינאַמיט, און געשפּיגן מיט פייער.

דערפאַר האָט עס גאָר אָפט פּאַסירט, אַז ניט איין בחור וואָס איז געקומען זען אַ מיידל אין אינטערנאַט, האָט געלאָזן זיצן "דאָס פּראָבלעם" און מיט אייפער זיך אַריינגעלאָזט אין וויכוח מיט זיסלען, פאַרגעסנדיק צוליב וואָס, מיט וועלכער כוונה ער איז דאָ לכתחילה געקומען.

* * *

ביי באַיאַרסקען אין קינאָ האָט מען געוויזן דעם פילם "טונעל", אין אַ סעאַנס פאַר שילער. זעליק שטיין, דער שילער פון דריטן קלאַס "רעמעסלנע" האָט אין דער טונקלקייט פון קינאָ דערזען עפּעס. וואָס איז ניט נאָר געווען אויסער די ראַמען פון עקראַן און פון דער געשיכטע וואָס האָט זיך דאָרט אָפּגעשפּילט, נאָר טאַקע אויסער די ראַמען פון דעם סדר, וועלכן ער - זעליק שטיין האָט געוואָלט די יוגנט זאָל זיך פירן.

זעליק שטיין איז געווען - קאָן מען זאָגן - כמעט אַ דערוואַקסענער. ווו נאָר ער האָט געטראָפן די שילער פון דער האַטווערקער־שול, ביי דער ארבעט אין וואַרשטאַט, אויפן איבררייס - אַלע זיינע געדאַנקען האָבן געהאַט איין פּונקט:

- די יוגנט פאַרטאַכלעוועט צייט אויף "פּוסטע זאַכן" אָנשטאָט אָפּגעבן זיך מיט ענדערן דעם סדר פון דער וועלט... די מענטשהייט. אַלץ דאַרף געטאָן ווערן פאַר דער מענטשהייט, און ניט צו באַפרידיקן קליינלעכע אַמביציעס. דאָס ציט אָפּ די יוגנט פון איר הויפּט־אויפגאַבע אין לעבן... ווען ער האָט אויפגעכאַפּט, וואָס די בחורים זאָגן אַלץ וועגן זיסלען, האָט ער מיט גרויס רעספּעקט אַ טראַכט געטאָן: - אָט דאָס איז עס. אַזאַ דאַרף זיין די יוגנט...

איז וואָס־זשע האָט דערזען זעליק שטיין אין דער טונקלקייט פון באַיאַרסקעס קינאָ?

ער האָט דערזען - דאָ, ממש פאַר זיינע אויגן - ווען אויף עקראַן שפּילט זיך אָפּ די דראַמאַטישע סצענע פון דורכברוך, אין וועלכן ער האָט דערזען דעם סימבאָל פון דער נייער אָרדענונג, פון וועלכער עס טיילט אָפּ אַ שטיינערנע וואַנט - אין דעם דראַמאַטישן מאָמענט פון עקזאַלטאַציע, האָט ער דערזען ווי עס זיצט אַ "מעגעלע" פון צווייטן

קלאַס, זיין האַנט פאַרלייגט אויף דער פּלייצע פון אַ מיידל, און זיי פילן זיך אַזוי היימיש, ווי היימיש מען קאָן זיין אין דער טונקלקייט פון אַ קינאָ...

* * *

דער נאָמען האַנטווערקער־שול - וואָלט פאַרבליבן סתם אַ נאָמען פון אַ שול אויסצובילדן פאַכלייט, אַ סטאַטיסטיק - אויב עמעצער וואָלט זיך אונטערגענומען איבערצוציילן די יידישע פאַכשולן אין פוילן. אָבער די שול האָט מען גערופן: "רעמסלנע". אַ שילער פון דער שול וואָלט פאַרבליבן ניט מער ווי אַן איינס אין דער פנימלאָזער סטאַטיסטיק, ווען ער הייסט ניט: אייזיק "שמאַלץ", אָדער שלמה "ביקל", אָדער איזיע "קיבעבע", אָדער נאָטע "דער ווילדער שאָס".

אַזוי אויך וואָלט אַ לערער, ווי יעדער, וואָס טראָגט דעם נאָמען לערער, פאַרבליבן ווי איינער פון די, וואָס גיט זיך אָפּ מיט לערעריי, אָן אַן אייגענעם קען־צייכן. אָבער ניט אַ לערער פון דער "רעמעסלנע". דאָ האָט שוין אַ לערער געהאַט ניט בלויז אַ נאָמען, נאָר טאַקע אַ כאַראַקטעריזאַציע, וואָס האָט אים אויסגעטיילט פון אַלע אַנדערע לערער.

אָט נעמט דעם מאַטעמאַטיק־לערער. ער האָט געהאַט זיין סיסטעם:

- אַז מירן נעמען אָטוואָס - האָט ער אָנגעוויזן אויפן טאָוול - און טאָפּלען אויף אָטוואָס - וועלן מיר באַקומען - אָט וואָס...

דערויף האָט נאָטע "דער ווילדער שאָס". וואָס קאָן בדרך הטבע ניט זיצן רויק, געפילט אַ באַדערפעניש צו באַשטעטיקן:

-אַז מען זעט עס באַשיימפּערלעך...

דער דאָזיקער באַשיימפּערלעך איז אים גלאַט ניט אַדורך - ווייל דער לערער האָט אויך געהאַט זיין דרך הטבע - צו רייסן ביי די אויערן...

און נאָך עפּעס:

דער לערער וואַסערמאַן איז געווען אונדזער קלאַסן־דערציער, וואָס דאַרף אַכטונג געבן ניט בלויז אויף דער אַקאַדעמישער זייט פון אונדזער דערציונג, נאָר אויך אויף דער מאָראַל און גוטע מאַנירן, מיט וועלכע דער קלאַס האָט זיך ניט אויסגעצייכנט.

פּאַסירט אַ מאָל:

די "רעמעסלנע" האָט איינגעלאַדן די האַנטווערקער־שול פאַר מיידלעך אויף אַ פילם־אָוונט, אין גרויסן זאַל פון דער שול. נאָך אַלעמען - איז דאָס יאָר 1937 ניט געווען קיין יאָר פון אָפּגעשטאַנענקייט... נאָר ווייל דער לערער וואַסערמאַן האָט געקענט זיינע תלמידים, און ווייל מיר האָבן שוין אַ ביסל פּריציייטיק גענומען אַרומרודערן, האָט ער, ווי אַ דערציער, געפונען פאַר נויטיק אונדז באַצייטנס צו וואָרענען: - ייִנגלעך - האָט ער אָנגעהויבן זיין רעדע - אָנווייזנדיק מיט אַ פינגער אויף דער זייט ווו מיר זענען געזעסן - ייִנגלעך - אַז איר וועט זיך אויפפירן ווי גאַסן־ייִנגלעך, וועט מען אייך שיקן צו גאַסן־מיידלעך...

נאָך אַזאַ אַריינפיר, האָט ער שוין, פאַרשטייט זיך, מער גאָרניט געהאַט וואָס צו זאָגן, ווייל מען האָט אים סיי ווי מער ניט געהערט, צוליבן טומל פון די רייען, ווו די מיידלעך זענען געזעסן... די ייִנגלעך האָבן גאָרניט געהאַט צו דערווידערן קעגן אַזאַ פאָרשלאַג, און זענען דעריבער געזעסן רויק, אַפילו געשמייכלט דערביי. אַז די מיידלעך האָבן זיך סוף כל סוף באַרויקט, האָט זיך דער לערער נאָך אַלץ ניט געפילט באַקוועם, ווייל ער האָט בשום אופן ניט געקאָנט אויפקלערן, וואָס ער האָט אייגנטלעך געמיינט, ווען ער האָט געזאָגט...

ווי יעדע שול, האָט אויך די "רעמעסלנע" געהאַט אַ דירעקטאָר, און ווי קאָן מען אים פאַרבייגיין?

עס איז נויטיק צו וויסן, אַז ביים דירעקטאָר אין קאַבינעט איז געווען אַ טעלעפאָן אויפן וואַנט, און אַנטקעגן איז געזעסן ביי אַ טיש די סעקרעטאַרין פון "רעמעסלנע", די פריילין דאַדיוק, צוליב וועלכער יעדער פון אונדז האָט געזוכט אַ תירוץ ער זאָל קאָנען אַריינקומען אין קאַנצעלאַריע.

האָט מען טאַקע אַ מאָל באַמערקט, ווי דער דירעקטאָר רעדט דורכן טעלעפאָן. ער האָט זיך פאַרנייגט, אַראָפּגענומען פאַר יענעם דעם קאַפּעליוש, און מיט גרויס ערנסטקייט געלאָזט וויסן: דאָ רעדט דער אינזשיניער משה באַסעוויטש פון דער יידישער האַנטווערקער־שול, וועלכע געפינט זיך אויף דער גאַס נאַדבזשעזשנאַ 52.

צוזאַמען מיט דעם אינזשינירן־דיפּלאָם האָט ער אין די לענדער ווו ער האָט שטודירט, אָפּגעשפּאָרט אויך אַ סענטימענט פאַר זייער שפּראַך און קולטור. במילא איז שוין פּויליש ניט געווען זיין מוסער־שפּראַך. מיט אונדז האָט ער געלערנט מעכאַניק און טעכנאָלאָגיע... פילבאַר פאַרן דירעקטאָרס נאָסטאַלגיע, האָט מען ביים אויסרופן די קלאַס־רשימה געענטפערט אויף דייטש.

- אייזיק גלאַזמאַן - איז דער ענטפער געווען: אַנוועזנד.
- שלמה נאָוויק - אַפּוועזנד.
- וועלוול זאַגער - אַפּוועזנד.

אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרייטיק פרימאָרגן, האָט מען אויך געמוזט זיך אַרויסהעלפן מיטן דירעקטאָרס אַנדער נאָסטאַלגיע, וואָס איז געווען - דאָס אַלטע צאַרישע רוסלאַנד. עס האָט געשנייט. דער פלאַכער דאַך, אויף וועלכן עס איז אַרויס דאָס פענצטער פון קלאַס, איז פול געוואָרן מיט ווייסן פוכיקן שניי. וואָס האָט אויסגעזען אומשולדיק און צוציענדיק. האָט חברה ניט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון, אויפגעמאַכט דאָס פענצטער, און צווישן אַ יאָ און אַ ניין האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה מיט שניי־קוילן, און די ווייסע האַרטע "סניעזשקעס" זענען געפלויגן אַהין און צוריק, כאָטש עס איז שוין געווען היפש נאָכן גלאָק, אויף וועלכן קיינער האָט סיי ווי קיין אַכט ניט געלייגט. ערשט דאַן, ווען אַזאַ "סניעזשקע" האָט דערגרייכט דער לערערין פון פּויליש, וועלכע איז נאָר וואָס אַריין אין קלאַס, געטראָפן אין איר אויג. און אַראָפּגעוואָרפן די ברילן - ערשט דעמאָלט האָט מען זיך געכאַפּט, וואָס מ'האָט דאָ אָפּגעטאָן.

די צווייטע שעה איז געווען מעכאַניק. מען האָט געוואַרט אויפן פסק־דין פון דירעקטאָר.

געוווּסט האָבן מיר דעם דירעקטאָרס מיינונג וועגן אונדז, וואָס מען מוז מודה זיין, איז געווען ניט גאָר קיין געהויבענע. ווען ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, האָבן מיר ביי אים געהייסן:

- דער פריזיער־פּאַריין.

דעם נאָמען האָבן מיר זיך פאַרדינט, מחמת ביי פאַרשיידענע מלוכישע פאַראַדן, ווען שילער דאַרפן מאַרשירן, האָבן אַלע שילער זיך באַוויזן אין זייערע אוניפאָרמען. די "רעמעסלנע" האָט אויך געהאַט אַן אוניפאָרם, אַפילו ווען דאָס איז בלויז געווען אַ ברוין, סאַמעטן היטל מיט אַן אויסגעהאַפטן מגן־דוד אין מיטן. נאָר ס'האָט זעלטן וווּר זיך געגומען די טרחה צו קויפן אַזאַ היטל. איז שוין במילא אויסגעקומען, אַז יעדער האָט געטראָגן אַזאַ היטל וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ווען דער דירעקטאָר האָט געכאַפּט אַ קוק

אויף די אויסגעשטעלטע רייען, אויף דער קאָלעקציע פון היטלען מיט וועלכע מיר האָבן זיך פּרעזענטירט, האָט ער זייטיק באַמערקט:

– פונקט ווי אַ פּריזיער־פּאַראַיין...

און געזאָגט האָט ער עס, אָן אַ טראָפּן באַגייסטערונג.

נאָך פּאַרן קלונג זענען שוין אַלע געזעסן אויף די ערטער, וואָס דאָס אַליין איז שוין געווען אַן אויסדרוק פון חרטה.

דער דירעקטאָר איז אַריין אין קלאַס. דער טונקעלער וואָלקן, וואָס איז געווען פאַרצויגן איבער זיין פּנים, האָט אָנגעזאָגט דעם קומענדיקן שטורעם.

מיט אימפּעט האָבן מיר זיך אויפגעשטעלט אים צו באַגריסן. עמעצער האָט אָנגעהויבן, און אין אַ רגע האָט שוין דער קלאַס געדונערט, ווי אַ ראָטע זעלנער:

– זדראַוויאַ זשעלאַיעם וואַשע וויעליטשעסטוואָ!

פון וואַנען האָבן זיך די ווערטער גענומען? ווער האָט זיי אונטערגעזאָגט?

אַלע אויגן, ווי רעפלעקטאָרן זענען געווען אָנגעשטעלט אויפן דירעקטאָר. ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. אין זיין אויג האָט געפינקלט אַ טרער פון גערירטקייט...

מצד די שילער האָט דעם דירעקטאָר ניט געפעלט קיין צרות. די לערער זענען אויך ניט אָפּגעשטאַנען. מיטן אינזשעניר ראָזמאַן האָט דער דירעקטאָר געפירט אַ כּסדרדיקע מחלוקה וועגן זיין זייגער, וואָס האָט זיך תמיד געשפּעטיקט אָן שום באַרעכטיקונג און דערפאַר איז ער תמיד געקומען שפּעט אין שול אַריין.

דער אינזשעניר ראָזמאַן האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט איבערצוצייגן דעם דירעקטאָר, אַז זיין זייגער שפּעטיקט זיך טאַקע.. ער האָט אים אַרויסגעצויגן פון טאַש ווי אַן אומצווייפלהאַפטן באַווייז און אָנגעוויזן:

–נאַט, זעט אַליין...

ער האָט זיך געהאַלטן ביי ס'זייניקע אַפילו דאַן, ווען יעדער האָט געוווסט, אַז פונקט 12 אַזייגער בייטאָג האָט די פייערלעשער־סירענע אָנגעזאָגט דער גאַנצער שטאָט, ווי שפּעט עס איז. אַלע האָבן זיך באַנוצט מיט דער צייט, אַפילו יענע מיט אייגענע זייגערס. דאָך האָט דער דירעקטאָר געוואָלט וויסן:

– ניט געהערט די סירענע, האַ?

– ווי איך בין אַ ייד, ניט געהערט – האָט ראָזמאַן געענטפערט.

אין זיינע סטודענטן־יאָרן האָט דער דירעקטאָר אויך קיין האַניק ניט געלעקט, און דעריבער האָט מען וועגן אים ניט געקאָנט זאָגן, אַז ער לאָזט זיך פירן פאַר דער נאָז. אַז מען קאָן אָפּקומען גלאַט מיט אַ תירוץ. וואָס איז אויסער יעדער לאָגיק. מיט געדולד און אויסדויער האָט דער דירעקטאָר זיך אונטערגענומען צו באַווייזן, אַז ער קאָן זיך אויף אָט די קונצן.

און טאַקע?

אַראָפּקוקנדיק פון דער אויבערשטער באַלוסטראַדע האָט ער געזען ווי דער לערער ראָזמאַן גייט מיט די טרעפּן אויף זיין לעקציע. ער נעמט אַרויס זיין טאַשן־זייגער, טוט אַ קוק אויף דער צייט, כּדי צו זיין זיכער – אויף וויפל ער האָט פאַרשפּעטיקט און דרייט צוריק די ווייזערס...

פון אָט דער אַנטדעקונג האָט דער דירעקטאָר קיין סוד ניט געמאַכט...

די מעשה מיטן זייגער איז בלויז געווען דער אַריינפיר צום ריכטיקן ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט יעדעס מאָל, ווען דער לערער ראָזמאַן האָט פאַרלאַנגט, אַז

שכירות זאָל מען אים צאָלן דירעקט, טאַקע אין האַנט אַריין.

- אַזוי ווי מען ציילט אין אַ טייסטער געלט? - האָט דער דירעקטאָר געוואָלט וויסן. לויטן דירעקטאָרס איינזען איז געווען מער יושרדיק מען זאָל עס אויסצאָלן ראָזמאַנס פרוי, וואָס האָט קינדער עסן צו געבן.

- אַ מענטש ווי איר - האָט ער געמוסרט ראָזמאַנען, דאַרף וויסן ווו ער האַלט אין דער וועלט. האָט עס ראָזמאַן ניט געוווּסט?

ווען דער דירעקטאָר פרעגט אונדז, די שילער פון צווייטן יאָר "רעמעסלנע", וואָלטן מיר עדות געזאָגט, אַז דער לערער ראָזמאַן ווייס שוין זייער גוט, ווו ער האַלט אין דער וועלט. מיר וואָלטן אים אַפילו געקאָנט "עפענען די אויגן" אויף דער סיבה, צוליב וועמען דער לערער פאַרשפּעטיקט יעדן טאָג. נאָר מיר האָבן זיך ניט געמישט אין יענעמס געשעפטן...

אין אַן אָפּערע האָט דער כאָר די אויפגאַבע פון צייט צו צייט אַריינברענגען שטימונג, וואָס העלפט צו דער אַנטוויקלונג פון דער דראַמע. כאָטש די שילער פון צווייטן יאָר זענען ניט געווען קיין אָפּערע-כאָר, האָבן זיי דאָך געהאַלטן פאַר נויטיק אַריינצוברענגען אין קלאַס די שטימונג פון דער דראַמע.

אין מיטן דער לעקציע, ווען אינזשעניר ראָזמאַן דערקלערט די באַשטאַנד-טיילן פון מעש און קופּער; דעם פּראָצעס פון צונויפשמעלצן זיי אין אַ ספּעציעלן בראָנדז-מעטאַל, אין וועלכן מען נוציקט זיך ביים שיף-בוי, טאַקע דאַן, ווען די פאָרמולע און די פּראָצענטער זענען פון אונטערן קרייד אַרויפגעקומען אויפן טאָוול, האָט אין דער שטילקייט פון קלאַס עמעצער גענומען ברומען אַ פּאָפּולער גאַסן-לידל אין פּויליש:

- עך טי מאַיאַ רוזשאַ, אָטשי טשאַרנע מאַ - דלאַ מניע דאַ, דלאַ מניע דאַ - ושיסטקאָ טאָ - צאָ מאַ[1]

דער לערער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק. וואָס האָט ער געקאָנט דערווידערן? זענען מיר דאָך אים נאָכגעפּאָרן אין אַ שיפל אויף דער פּינע, געהאַלטן אַן אויג אויף די צוויי, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן. אָבער צו פיל איז מען אים ניט געקראָכן אין די ביינער. מען האָט געדענקט, אַז צום לערער ראָזמאַן דאַרף מען אָנקומען מיט זאַכן, פון וועלכע דער אייגענער טאַטע טאָר ניט וויסן. און דאָ האָט טאַקע ראָזע, די קראַנקן-שוועסטער פון דער "טאָז" אַמבולטאָריע אַרויסגעהאָלפן.

צו ערשט האָט ער אַזאַ בחור אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, וואָס האָט געטראָגן אין זיך אי אַ פראַגע, אי אַ פאָרוווּרף:

- ווו האָסטו עס חברה-מאַן אונטערגעכאַפּט? עפּעס דאַרטן מיט אַ ביליקער שטיק... און מיט באַדויערן צוגעגעבן:

- צוליב דריי מינוט פאַרגעניגן, וועסטו איצט דריי חדשים ליידן.

* * *

אין באָיאַרסקיס קינאָ האָט מען געוויזן דעם פילם "טונעל" פאַר די שולן. אַ "מעגעלע" פון צווייטן יאָר "רעמעסלנע" איז געזעסן אין קינאָ, מיט איין האַנט אַרומגענומען די פּלייצע פון אַ מיידל.

[1] אַך דו מיין רויז (אָנדייטונג אויף ראָזע) וואָס האָט שוואַרצע אויגן, און זי וועט מיר געבן אַלץ וואָס זי פאַרמאָגט.

אַזאַ זאַך האָט זיך געלייגט אויפֿן שכל.

זעליק שטיין האָט שוין אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג, אַז אים וועט געלינגען באַווייזן דער יוגנט, אַז דאָס איז ניט דער ריכטיקער וועג. אַז צוליב פֿערזענלעכע געפֿילן ווערט פֿאַרטאַכליעוועט אַ וויכטיקע אויפֿגאַבע, וועלכע די יוגנט האָט צו דערגרייכן אין דעם אומרויקן יאָר 1937. ער האָט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג, אַז די מענטשהייט קאָן עפּעס דערוואַרטן פֿון די שילער פֿון דער "רעמעסלנע", די קומענדיקע פּראָלעטאַריער, וואָס קאָנען זיך ניט צעשיידן מיט דער מענטאַליטעט פֿון אַ "מעגעלע".

זיין גלויבן האָט אַפֿילו ניט צוריקגעשטעלט דער קלאַנג, אַז עס איז פֿאַרשוווּנדן פּערלשטיין, דער "מעגעלע" פֿון צווייטן יאָר, נאָך דעם ווי מען האָט דערשאָסן אַ פּראָוואָקאַטאָר אין אַ דראָזשקע אויף זאַוואַלנע גאַס...

אפשר האָט זיך שוין צווישן די צוויי, וואָס זיצן פֿאַר אים, אויך אָנגעהויבן אויסֿפּיקן אַ ליבע. מאַלע וואָס עס נעמט זיך אויסֿפּיקן אין דער טונקלקייט פֿון אַ קינאָ...

נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דאָס מיידל איז זיסל.

– זי אויך?!

די קאַטאַסטראָפֿע אין טונעל וואָס ער האָט נאָר וואָס בייגעוווינט, האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער פּאַרפֿאַל אויפֿן וועג צו אַ גרויסער אידעע אַנטקעגן דער קאַטאַסטראָפֿע פֿון זיין גלויבן, וואָס נעמט זיך קרישלען פֿאַר זיינע אויגן.

– זי אויך?!

אין דער טונקלקייט פֿון קינאָ האָט זיך אים געגנומען אויסדוכטן, אַז אָט: פֿאַר זיינע אויגן ווערט דורכגעבראָכן אַ מאָראַלישע וואַנט און זיינע אַלע האָפֿענונגען צו זען אַ קעמפֿערישע יוגנט, ווערן פֿאַרשאָטן אונטער די שטיינער פֿון דער קרישלענדיקער וואַנט.

ניין. ער האָט ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק צו דעם פֿאַקט. ער קאָן ניט בלייבן בלויז אַן עדות. ער מוז עפּעס טאָן דערצו.

מיט איין שנעלער באַוועגונג האָט ער אַראָפּגענומען דעם בחורס האַנט פֿון זיסלס פּלייצע.

* * *

אפֿנים – די אויפֿגאַבע וואָס דאָס לעבן האָט אַרויפֿגעלייגט אויף זעליק שטיינען, איז ניט געווען צו זיין אַ רעוואָלוציאָנער און מאָראַליסט.

צוליב דעם טאַקע האָט ער געהאַט צו זינגען און צו זאָגן, אין דעם פֿלאָנטער אין וועלכן ער אַליין איז פֿאַרקראָכן...

---

אַבאָנירט און שטיצט


# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפֿט אין די מערב-שטאַטן פֿון אַמעריקע

# משה שקליאַר און שוראַ גרינהויז־טורקאָוו באַלוינט מיט דעם דוד האָפשטיין־פּרייז

דעם 25־סטן יוני היינטיקס יאָר איז אין לייוויק־הויז אין תל־אביב פאָרגעקומען אַ פייערלעכער אָוונט בעת וועלכן עס איז אויסגעטיילט געוואָרן דער דוד האָפשטיין־פּרייז. דעם היי־יאָריקן פּרייז האָבן באַקומען דער דיכטער משה שקליאַר און די אַקטריסע שוראַ גרוינהויז־טורקאָוו. דער פּרייז ווערט באַשטימט דורך דער נאַציאָנאַלער אינסטאַנץ פאַר יידישער קולטור און דעם פאַראיין פון יידישע שרייבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל.

ווייטער ברענגען מיר די מאָטיוון פון דער זשורי און דעם דאַנק־בריוו פון משה שקליאַר, וועלכער איז פאַרגעלייענט געוואָרן בעת דעם פייערלעכן אָוונט.

## די מאָטיוון

משה שקליאַר איז אַ לירקער, וואָס גייט אויף זיין אייגענער סטעזשקע ביי דער זייט פון ברייטן שליאַך, אָבער וואָס ווייטער ווערן זיינע טריט אויף דער אייגענער סטעזשקע אַלץ דרייסטער און אויסדריקלעכער, ביז היינט זיינען אַרויס זיינע צען ביכער לידער, און פון בוך צו בוך שפּירט מען זיין וווקס, ווי אַ דיכטער, ווי אַ דענקער, ווי אַ מענטש צווישן מענטשן; אין זיינע שאַפונגען זוכט ער אָן אויפהער און געפינט דעם סינטעז פון געפיל, געדאַנק און צייט.

משה שקליאַר שרייבט קלאָרע, ריטמישע לידער, ער האָט אַ געפורעמטע דיכטערישע שפּראַך. אַפילו די וואָכעדיקע ווערטער, די טאָג־טעגלעכע פּשוטע אויסדרוקן ווערן ביי אים ווי אויסגעבונדן און פאַרפלאָכטן אין אַ פּאָעטישן געוועב, אין זיין ליד פילן מיר אַן אַנטוויקלטן חוש פאַר אינערלעכער מעלאָדישקייט. זיינע לידער רעדן צו אונדז מיט אַן ערלעכער, עכטער דורכגעלעבטקייט, מיר פילן אין זיי דעם שטילן בעל־נסיון, אין ווערמען, ווי עס האָט זיך געהאַט אויסגעדריקן אברם ליס ז"ל "עס נורטעוועט דער אומעט פון דורכגעגאַנגענעם טרויעריקן נעכטן און דער אומרו פון אונדזער צייט".

משה שקליאַר איז אויך אַ באַגאַבטער פּראָזאַיקער. אין אַ געמיש פון חלום און וואָר שילדערט ער אין זיינע דערציילונגען (צונויפגעזאַמלט אין בוך "מאָלן די אַמאָלן") די גרויסע יידישע טראַדיציע, ער לעבט אויף די אומגעבראַכטע וועלט, די מחשבות און געפילן פון מענטשן, דערוואַקסענע און דער עיקר קינדער, אין זייער גרעניצלאָזער פאַר ברויט, זוניקייט און שפּיל, און אַלץ געמאָלט אין לירישער קינסטלערישער פאַרבן.

אַ באַזונדערס וויכטיקער עלעמענט אין די דערציילונגען איז דאָס ספּעציפישע וואַרשעווער לשון, ווערטלעך און אויסדרוקן פון די העלדן, דער כאַראַקטעריסטישער געטאָ־זשאַרגאָן, וואָס איז אויפגעקומען אין יענע ביטערע יאָרן. זיי אַלע שאַפן אַ בונטן בוקעט פון אונדזער שפּראַך־אוצר, וואָס טאָר ניט פאַרלאָרן גיין, בפרט, אַז די מערהייט פון די, וואָס האָבן אים באַנוצט, זיינען שוין מער נישטאָ.

משה שקליאַר איז געבענטשט אויך מיט אַ זשורנאַליסטישער, פּובליציסטישער פּעדער. געדאַנקענפול זיינען זיינע עסייען וועגן שרייבערס, תמיד באַשיינט מיט אַ האַרציקער פריינדשאַפט צום שאַפער. דער פון אים רעדאַקטירטער זשורנאַל "חשבון"

(פּעריאָדישע שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען), וואָס דערשיינט אין לאָס אַנדזשעלעס, פֿאַרנעמט אַ גאַר בכבודיקן אָרט אין דער יידישער פּעריאָדישער פּרעסע.

די זשורי באַצייכנט משה שקליאַרס וואָגיקן ביישטייער צו דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראַטור און טיילט אים איינשטימיק צו דעם בכבודיקן דוד האָפּשטיין־פּרייז פֿאַרן יאָר 2003.

## דער ענטפֿער

חשובע פֿריינד פֿון דער זשורי, חשובע פֿאַרזאַמלטע וואָס זענען געקומען אָפּגעבן כבוד דעם גרויסן יידישן דיכטער דוד האָפשטיין, אין וועמענס נאָמען די ליטעראַטור־פּרעמיע ווערט היינט פֿאַרטיילט, און וועמענס ליכטיקער שאָטן וועט היינט פֿאַלן אויף מיין וויניקייט. איך באַדויער ביז גאָר, וואָס איך קאָן נישט פּערזענלעך זיך באַטייליקן אינעם אָוונט און אויסדריקן אייך אַלעמען מיין טיפֿן, האַרציקן דאַנק פֿאַר דער אָנערקענונג וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן פֿאַר מיין יאָרנלאַנגער מי און באַשיידענעם ביטראָג צו דער אַנטוויקלונג פֿונעם קינסטלערישן יידישן וואָרט.

פּונקט ווי די פֿאַרדינסטפֿולע אַקטריסע שורה גרינהויז־טורקאָוו וועמענס קינסטלערישע אַנטוויקלונג אויף דער יידישער בינע איך האָב מיט אינטערעס נאָכגעפֿאָלגט נאָך אויף דער בינע פֿונעם יידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן. און וועלכע טיילט היינט מיט מיר דעם פּרעסטיזשפֿולן דוד האָפּשטיין־פּרייז, בין איך אַן אַרבעטער פֿון יידישן וואָרט. און אין מיין אַרבעט ווי אַ זשורנאַליסט און דיכטער, האָבן מיך שטענדיק באַגלייט די וווּנדערלעכע האָפּשטיין־שורות: "אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טייער, / איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנייונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿייער". און אויב אַ פֿונק פֿון יענעם פֿייער איז געפֿאַלן אויף מיין ליד און עס טליעט נאָך אַלץ ערגעצוווּ צווישן די שורות פֿון מיינע פֿערזן, איז עס צו פֿאַרדאַנקען דעם גרויסן יידישן דיכטער פֿון קאָראָסטישעוו, וועלכער איז אַזוי אכזריותדיק אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע קאָריפֿייען פֿון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור און קולטור.

...נישט זייער אָפֿט באַקומט אַ יידישער דיכטער, וואָס געפֿינט זיך ווייט פֿון די א"ג צענטערס, אַ ליטעראַטור־פּרעמיע, בפֿרט אַזאַ חשובע אויסצייכענונג ווי דער דוד האָפּשטיין־פּרייז, איז עס אוודאי אַ געלעגנהייט צו כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, און אַ ביסל אויך אויף פֿאָרויס, און זיך פֿאַרטראַכטן: ווי האַלטן מיר אין דער וועלט מיט דעם יידישן וואָרט, מיט דעם יידישן ליד. האָט מען דאָך שוין אַזוי פֿיל מאָל געזאָגט רבנן קדיש נאָך דעם יידישן וואָרט... און אָט האָב איך לעצטנס געלייענט אין אַן ענגלישן זשורנאַל אַן עסיי א"נ "פּאָעזיע איז טויט". אויב נישט אין דער וועלט, איז לכל הפּחות אין אַמעריקע. נו, איז עס טאַקע אַזוי? און אויב עס איז אַזוי. פֿון וואַנען נעמען זיך די מענטשן, וועלכע קומען צו ליטעראַרישע אָוונטן? טאַקע וויניקע, אָבער זיי קומען, און די אַלע וואָס לייענען פּאָעזיע־ביכער? טאַקע וויניקע, אָבער זיי לייענען. איז עס בלויז לשם פֿאַרווייַלונג אָדער אינטעלעקטועלער איבערלעבונג? נאָר דאָ גייען מיר שוין אַ ביסל אַריין אין דער ספֿערע פֿון סאָציאָפּסיכאָלאָגיע. דאַרף מען עס לאָזן פֿאַר וויסנשאַפֿטלער. מיר זענען דאָך בלויז פּאָעטן... איז וואָס שייך פּאָעזיע, יידישע פּאָעזיע, דערמאָנט זיך מיר איינער אַ צוזאַמענטרעף מיט אַ קלאַס סטודענטן פֿון ליטעראַטור אין אַ לאָס־אַנדזשעלעסער קאָלעדזש פֿאַר וועלכע איך האָב פֿאָרגעלייענט מיינע לידער אין

יידיש און אין ענגלישער איבערזעצונג. געענדיקט לייענען, האָט אַ יונגערמאַן זיך אויפגעשטעלט און געפרעגט: "פאַרוואָס זענען יידישע לידער אַזוי אומעטיק?" די זעלבע שאלה האָט מיט יאָרן פריער, נאָך אין "פאָלקס פוילן", געפרעגט אַ קאָרעספּאָנדענט אין דער צייטונג ווו איך האָב געאַרבעט, נאָכן אַרויסקומען פון מיין בוך "פּאַרשפּעטיקטער פרילינג". פאַר אים האָט עס נישט געשטימט מיט דעם סאָצרעאַליזם... איך האָב געפּרוווט באַווייזן דעם ערשטן, דעם סטודענט, פאַרשטייט זיך, ווייל פאַר דעם צווייטן זענען קיין אַרגומענטן נישט געווען גענוג, ער האָט געפרעגט מיט אַ באַשטימטער כוונה, אַז לידער מעסט מען נישט לויט דעם צי זיין זענען אומעטיק אָדער פריילעך, דאָ דאַרף מען אָנווענדן גאָר אַנדערע מאָסן.

אין גרונט גענומען זענען אָבער די פרעגער געווען גערעכט. פּונקט ווי עס איז גערעכט געווען דער שרייבער פרידלענדער, וועלכער האָט געהאַט פאַרעפנטלעכט אין "פאָרווערטס" אַ רעצענזיע אויף מיין בוך "ליד און לעבן" און זי אָנגערופן "אומעטיקע לידער". און טויזנט מאָל איז גערעכט דער פּוילישער דיכטער, דער ייד וויקטאָר וואָראָשילסקי, וועלכער שרייבט אין אַ ליד: "איך ווייס שוין / אַז לידער זענען נעקראָלאָגן / אויף רגעס / ערטער / פאַרטריקנטע טייכן / אַמאָליקע שנייען"... און אויף אַן אַנדער אָרט: "זיי האָבן פאַרגעסן / אַז אין אָט דער וועלט / איז יעדער דיכטער / אַ ייד מיט אַ געלער לאַטע / אויפן האַרצן".

יאָ, מיר די דיכטער "מיט געלע לאַטעס אויפן האַרצן" שרייבן היינט נעקראָלאָגן אויף אַ פאַרגאַנגענער וועלט, מיר שרייבן מיט "לייב און לעבן" אונדזער ליד פון לעבן און טויט, פון ליבע און פּיין, פון האָפענונג און מוט, אָבער מיר פאַרגעסן נישט אויף קיין רגע אין דער גרויסער ירושה פון אונדזער פאָלק, פון אונדזער ליטעראַטור, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אין מזרח-אייראָפּע און איז ווי אַ פעניקס ווידער אויפגעשטאַנען צום לעבן. אָט אַזוי ווי עס האָט באַפוילן דער גרויסער דיכטער דוד האָפשטיין: "מיטביילן דיין גוף איז פאַרוועבט / און מיט ווונדן באַדעקט איז דיין ברוסט - / ביסט אין גאַנצן אין בלוט... / איך זאָג דיר: נישט טרויער! גדענק! דיין כוח ער לעבט! אָ, ער לעבט!" יאָ, ער לעבט, דער כוח פון יידישן פאָלק, פון יידישן וואָרט. ער לעבט, און וועט לעבן!

די נביאישע ווערטער פונעם דיכטער קלינגען באַזונדערס אַקטועל היינט צו טאָג ווען אונדזער פאָלק אין ישראל ראַנגלט זיך טאָג טעגלעך פאַר זיין עקזיסטענץ און אַלץ נייע געפאַרן דראָען פון אַלע זייטן, ווען טויט און צעשטערונג הויערן פון נאָענט און ווייט און די איינציקע קונסט, וואָס האָט נאָך אַ ווערט, זעט אויס צו זיין די "קונסט" פון מלחמה...

זענען פאַרוואָלקנט די הימלען איבער אונדז, עס טראָגט זיך איין שטורעם נאָך דעם אַנדערן, אָבער עס לערנט אונדז די געשיכטע, און עס לערנען אונדז די נאַטור-געזעצן, אַז שטורעמס מוזן פאַרביי גיין, און נאָך די שטורעמס וועט זיך דער הימל אויסלייטערן, וועט ווידער ווערן בלאָ, און ס'וועט אויפשיינען די זון און ווידער וואַרעמען די ערד, און ווידער וואַרעמען מענטשלעכע הערצער, און דעמאָלט וועט מיט אַ נייער קראַפט אָפּהילכן דאָס יידישע קינסטלערישע וואָרט פאַר אונדזער דור און פאַר די קומענדיקע דורות - דאָס יידישע וואָרט, אין וועלכן ס'איז "פאַראַן אַזאַ רוף צו באַנייונג, ס'איז פאַראַן אַזאַ העלישער פייער!"

**משה שקליאַר**

משה שקליאַר

## ביים אָפענעם פענצטער

פאַרגאַנגענע יאָרן און טעג
שפּראָצן אויף ווידער,
ווי גראָזןביים וועג,
ווי לאַנג שוין פאַרגעסענע לידער,
פון וועלכע ס׳וויברירט נאָך
אַ קלאַנג
אין שוואַכן זיכרון.
און מיט אַ מאָל ווערט
אַזוי באַנג
גלייך וואָלסט פאַרלאָרן
אַ וועלט,
וואָס געווען איז דיר טייער,
וואָס האָט געצויבערט, געהעלט,
און איז אַוועק מיטן פייער.

און מיט אַ מאָל דאַכט דיר -
דו האָסט זיך דערוואַרט,
ס׳האָט זיך צעעפנט אַ טיר,
וואָס געווען איז פאַרשפּאַרט,
און דאָרט ביי דעם אָפענעם
פענצטער
פונעם זיכרון
ליכטיקן אויף אַלע שענסטע
פאַרגאַנגענע יאָרן.

## מיין גאַס

מיין גאַס - אַ סטעזשקע
אין אַ הייזערוואַלד
פון וועמענט נעסטן
אַלע פייגל זענען זיך צעפלויגן,
און יעדע חיה זיך באַהאַלט
פון אַ צווייטערס אויגן -
זי שטייט איצט פּוסט, מיין גאַס
און וואַרט
עס זאָל עמעץ זיך באַווייזן.
נאָר קיינער קומט נישט,
ס׳וועט דאָ קיינער
קיינעם נישט באַגעגענען
און קיינעם נישט געזעגענען.
בלויז גרויע וואָלקנס קרייזן
אויפן ווייטן הימל
און באַלד וועט נעמען
מיט קאַלטע טרערן
רעגענען.

## אַ מענטש

אַנטקעגן דיר עס קומט אַ מענטש
און נישט דו קענסט אים, נישט דו ווייסט,
ווי מען רופט אים, ווי ער הייסט,
איז ער פאַרשאָלטן, צי געבענטשט,
מיט אַלע גוטע מידות?
ווער האָט געצווונגען דיך אַזוי
צו ספקן, צו קלערן גאָר?
זע, אַלץ אַרום ז׳אומשולדיק-בלוי,
און יענער איז פון זעלבן דור
ווי דו, אַ מענטש נישט מער.

וועט ער וואַרפן דיר אַ שטיין,
אָדער גריסן מיט זיין הוט,
וועט ער רויק ווייטער גיין,
אָדער דראָען מיט אַ רוט -
אַ שונא זיין, אַ ברודער?
אַ מענטש, וואָס קאָן זיך מיט דעם בלוי
פאַשיכורן אַזוי ווי דו,
זיך זעטן מיט פרימאָרגן-טוי
און צווישן ביימער זוכן רו -
אַ מענטש נישט מער...

לידיאַ פּראָלאָוו

# די באָבע יוכבד

## (דערציילונג)

פון דער רוסישער הויפּשטאָט, פון מאָסקווע, איז אַראָפּגעקומען אינעם קליינעם אוקראַינישן שטעטל אויף קבר אבות יוכבדס איינקל באָריס, בערעלע, ווי זי פלעג אים רופן. איך האָב באַטראַכט דעם דאָזיקן בחור און אַ קלער געטאָן: "נישט אומזיסט האָט יוכבד זיך אַזוי שטאַרק געגרויסט מיט אים".

דער אָפיצער, דער פליער, האָט אויסגעזען אין זיין מיליטערישן מונדיר וואונדערלעך, ברייטביינערדיק, הויך און שטאָלץ. אַ באַזונדערן חן האָבן אים צוגעגעבן זיינע געדיכטע שוואַרצע געקרייזלטע לאָקענעס. אַ מילדיקייט, אַ גוטהאַרציקייט האָט באַדעקט זיין עטוואָס לענגלעך מאַטעווע פּנים מיט די אויסגעטאָקטע שטריכן. אַ שיין מויל מיט צוויי רייען ווייסע גלייכע ציין, אַ גלייכע נאָז. פון די געדיכטע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט צוויי גרויסע שוואַרצע לעבעדיקע קלוגע אויגן.

ער האָט אַראָפּגעבראַכט פונעם ריאַן-צענטער אַ גאַנצע מאַשין מיט לעבעדיקע בלומען און זיי צעשפּרייט איבערן גאַנצן אַלגעמיינם גרויסן קבר. "איצטער בין איך רויק - האָט ער זיך אָנגערופן ביים פאַרענדיקן צעשפּרייטן די בלומען איבערן קבר - וווּ מיין באָבע זאָל נישט ליגן, אין אַ וועלכן עק, אין אַ וועלכן ווינקל, וועלן מיינע בלומען זי דערגרייכן".

ביי קיינעם פון אונדז, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפונען ביים דאָזיקן קבר, האָבן זיינע ווערטער נישט אַרויסגערופן קיין באַוווּנדערונג. אַלע האָבן געדענקט די הייסע ליבע, די געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט פון דער באָבע יוכבד צו דעם דאָזיקן בחור און וואָס פאַר אַ גרויסן כבוד ער פלעגט איר אָפּגעבן.

אַ סך אינטערעסאַנטע געשיכטעס דערציילט מען זיך אָן פון דער דאָזיקער פרוי, וואָס האָט אָפּגעלעבט 90 יאָר, און ווען די דייטשן וואָלטן זי נישט אַריין לעבעדיקערהייט אין גרוב אַריין, וואָלט זי נאָך אפשר דאָך אַ ביסל געלעבט און ס'וואָלט פאַרגעוויס געווען נאָך אַ פּאָר געשיכטעס צו דערציילן וועגן איר.

"ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָט די באָבע געזאָגט, אַז איך בין געווען אין אַ העמדל, און דערפאַר וועל איך זיין אַ מזלדיקע". אַזוי פלעגט יוכבד דערציילן, אפשער דערפאַר האָט זי זיך קיין מאָל פאַר קיינעם נישט געקלאָגט אויף איר גורל, כאָטש זי האָט אַלע אירע יאָרן געטראָגן אויף זיך אַ שווער פּעקל צרות.

איר מאַמע איז געשטאָרבן פון דער קימפּעט. דערפאַר האָט זי איבערגעלאָזט יוכבדן איר ווייס קלאָר פּנים מיט די זיידענע בלאָנדע האָר. פּונקט ווי די מוטער איז זי געוואַקסן אַן איידעלינקע, נישט פון די הויכע. די גרויסע גרויע פאַר אויגן האָט זי געירשנט פונעם רויטלעכן, הויכן און פעסמן טאַטן, וואָס האָט שוין דאָס צווייטע מאָל נישט געוואָלט חתונה האָבן, נאָר דערפאַר אַז זיין יוכבדל זאָל נישט וויסן פון קיין שטיף-מאַמע.

און נחמן, דער פאָטער אירער, האָט זיך געשמאָלצן פון פאַרגעניגן, ווען די שכנטעס האָבן אָנגעהויבן אָפּקלאַפּן זיין טיר און פאַרלייגן פאַר זיין יוכבדל, דעם 16-יאָריקן פריילעכן, לעבעדיקן און לוסטיקן מיידל - חתנים. אָבער ער איז נאָך גליקלעכער געווען, דעהערנדיק פון זיין ליב טעכטערל, אַז זי האָט זיך שוין אַליין

אויסגעקליבן איר זיווג אָן די שדכנים. דאָס איז געווען דודל, שמואל דעם סטאָליערס ערשטלינג. ביי די 19 יאָר איז דודל איבערגעגאַן דעם פּאָטער אין זיין פאַך. ער האָט שוין געקענט מאַכן די שענסטע שאַפע, דאָס בעסטע בעט, שוין אָפּגערעדט פון טירן פענצטער און אַנדערע זאַכן, "דאָס איז אַ פּאָרל פון גאָט" - פלעגן מענטשן זאָגן אַנווייזנדיק אויפן יונגן פּאָרפאָלק. מ'האָט ממש אָנגעקוועלט קוקנדיק אויף זיי. צווישן דער יוגנט איז דאָס דאָזיקע פּאָרל געווען דאָס באַליבטסטע. ווו אַ שמחה האָט מען יוכבדן מיט דודלען פאַרבעטן די ערשטע, ווייל אָן זיי איז די שמחה קיין שמחה נישט געווען. זיי האָבן אויסגענומען מיטן אויסזינגען שיינע לידער, מיטן אויסטאַנצן די בעסטע טענץ. ווו די צוויי קינדער פלעגן זיך באַווייזן האָט אַלץ אופגעלעבט אַרום. "אַז דאָס דאָזיקע פּאָרל גייט אַריין צו עמעצן אין שטוב אַריין - פלעגט מען זאָגן - ווערט באַלד ליכטיקער אין די אויגן און ס'שיינט אויף די שטוב".

האָט אָבער לאַנג יוכבדס גליק נישט געדויערט. אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָך דער חתונה איז זי פאַרבליבן אַ יונגע אלמנה. אַוועק איז איר ליב דודל פון דער וועלט איבער אַ קלייניקייט. אַ פייער פון אַ שכנישן דאָרף, וואָס האָט אויסגעבויט פאַר זיך אַ נייע דירה, האָט פאַרבעטן דודן צו מאַכן די טיר און פענצטער. ווען די סטאָלערישע אַרבעט איז שוין געווען פאַרענדיקט, האָט דער באַלעבאָט, אין יענער ווינטער נאַכט, גוט אויסגעהייצט די כרובע, און כדי ס'זאָל נישט אַרויס די קעלט, האָט ער זיך אַ ביסל צוגעיילט מיטן פאַרשטעקן דעם קוימען. ווי עס פירט זיך, האָט דער באַלעבאָס באַנייט די שטוב מיט אַ פלעטל משקה. דודל איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען ביים טיש. ער האָט אויסגעטרונקען מיט דער משפּחה אַ פּאָר גלעזלעך. אַלע זענען געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן. אין דער פרי איז שוין קיינער נישט אויפגעשטאַנען. אַלע זענען פאַרטשאַדעט געוואָרן אויף טויט.

דאָס רוסישע ווערטל זאָגט: ס'גייען צרות, עפּנט אויף די טירן. יוכבד האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצוטריקענען אירע אויגן, אויסוויינען איר האַרץ נאָך איר ליבן מאַן, ווי עס לייגט זיך אַוועק דער טאַטע און ווי אויף דער וועלט נישט געווען. ער האָט אָנגעהויבן מאָדנע הוסטן. דער שטעטלדיקער פעלטשער האָט קיין טעות נישט געהאַט אין זיין דיאַגנאָז. "ראַק אין די לונגען".

יוכבד האָט נישט ליב געהאַט פרעמדע זאָלן זען אירע טרערן. געקלאָגט און געוויינט האָט זי נאָר דורך די נעכט. באַטאָג האָט זי זיך געהאַלטן אין די הענט. באַלד נאָכן טאַטנס טויט האָט זי זיך אַ נעם געטאָן פאַר איר פאַך. זי פלעגט זיך פאַרנעמען מיט אָפּשפּרעכן. אָפּשפּרעכן קראַנקע, איינרעדענישן, איבערגעשראָקענע קינדער. זי איז באַרימט געווען אין אַלע אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. מ'פלעגט זיך אַנדערציילן פון איר שפּרעכעריי אומגלויבלעכע זאַכן.

זי האָט געשפּראָכן מיט אַן איי. אַרומגעפירט מיטן איי איבערן קינדס, אָדער קראַנקנס פּנים און איבערן קאָפּ. דערנאָך צעבראָכן דאָס איי, אַריינגעקוקט אינעם געלעכל און עפּעס געשעפּטשעט דערביי. זי האָט אויך געהיילט קראַנקע מיט אַנדערע מיטלען: געשטעלט באַנקעס, געשמירט מיט עסיק, געהיילט מיט אַלערליי גראָזן. זי איז אַפילו געלאָפן נעמען אַ קינד ביי דער קימפּעטאָרן, ווען דער פאַל איז געווען אַ שווערער און די שטעטלשע "בובע" האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווסט ווי אַזוי צו אָפּראַטעווען פון דער קימפּעט די מוטער אָדער דאָס קינד.

יעדען זונטאָג, ווי נאָר אין שטעטל האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרק-טאָג, האָבן זיך אַרום יוכבדס שטוב צונויפגענומען צענדליקער פורלעך פון די אַרומיקע דערפער מיט

זייערע קראַנקע. געצאָלט האָט מען איר מיט פּראָדוקטן: אַ טאָרבעלע מעל, אַ טאָרבעלע פּאַפּעשויע מעל, אַ טאָרבעלע גרויפּן, אַ כלי מיט מילך, אייער, בוימל פּוטער, קעז. ווינטער האָט מען איר צוגעפירט בינטלעך האָלץ.זומער איז יוכבדס קעלער געווען פאַרפולט מיט קאַווענעס, דינעס, שוין אָפּגערעדט פון עפּל, באַרן, פלוימען און אַנדערע אויבסן.

ווען ס'האָט זיך צו איר געווענדט אַן אָדעמער פויער און דאָס קינד איז געווען אמת קראַנק, האָט יוכבד אָפּגעשפּראָכן מיטן איי, נישט אַזוי פאַרן קינד, ווי פאַר די עלטערן. קיין באַצאָלטס האָט זי אין אַזאַ פאַל נישט גענומען און געראָטן די עלטערן זיך ווענדן אויך צום דאָקטאָר אָדער פעלטשער. אָבער ווי נאָר זי פלעגט אָנפאַקן אַ רייכן פויער, און דער קראַנקער איז געווען נישט אַזוי מסוכן ווי אים האָט עס זיך געדאַכט, אָדער ווען דאָס קינד האָט, לויט יוכבדס מיינונג, געמוזט געזונט ווערן, האָט זי צעלייגט דאָס שפּרעכעריי אויף טעלערלעך: געפירט מיטן איי איבערן קינדס פּנימל און קעפּעלע מערער אַ ביסל. און דערביי פאַרדינט מער. דאָס פאַרדינסט איז איר זייער צו נוץ געקומען, ווייל אין שטעטל איז געווען אַ גרויס הינטערגעסל מיט אַ סך קבצנים, זיי האָט זי געהיילט מיט אַ הינדעלע, פון וועלכן זי האָט געהייטן אָפּקאָכן דעם חולה אַ יויכל, א קראַנק קינד האָט זי געהיילט מיט אַ פלעשל מילך, אַ שטיקל פּוטער, אַ סלאָיקל סמעטענע און גלאַט מיט אַ פרישׁ ווייס ברויטל.

אַז יוכבדן איז עמעצער געפעלן איז זי גרייט געווען די נשמה אַוועקצוגעבן. איר איז שטאַרק געווען צום האַרצן בערל מילער מיט זיין פיין ווייבל, און זי האָט ליב געהאַט שבת אויף דער נאַכט פאַרברענגען ביי זיי אין שטוב די צייט. זי האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון בערלס קליינוואַרג, פון די פיר קינדערלעך, איינס קלענער פונעם צווייטן, שטענדיק פריילעכע און לוסטיקע. אַהין פלעג זי קומען מיט פאַרגעניגן און מיט גוטע מתנות אין די הענט. זומער און ווינטער איז פאַר דער דאָזיקער משפחה ביי יוכבדן געווען אָפן דער קעלער. "אַנו, בערל, פלי אַראָפּ אין קעלער און נעם אָן אַ כלי זויער קרויט". אַזוי פלעגט זי אים שיקן אין די ווינטער טעג. און זומער האָט זי זיך געטיילט מיט בערלס הויזגעזינד מיט אַלע אירע פרוכטן און אויבסן.

איין זאַך האָבן די ווייבער פונעם הינטערגעסל נישט געקענט פאַרשטיין. יוכבד איז דאָך פון די פאַרשוין, וואָס טיילט זיך מיט יענעם מיטן ביסן. יעדן העלפט זי מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעך. הייכט אָרעמעלייט אָן אַ גראָשן געלט. פאַר וואָס זשע, אַז אַן אָרעמע פרוי בעט זי אַ טרעף טאָן אויף די קאָרטן, זאָגט איר יוכבד שטענדיק אָפּ. ס'קען דאָך נישט זיין דערפאַר, וואָס זי ווייסט, אַז די אָרעמע פרוי האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן?

"יוכבד, טייערע מיינע, שוין יאָרן ווי איך בעט דיך - טו מיר אַ וואָרף די קאָרטן. ווי נאָר ס'קומט צו דיר עמעצער פונעם דאָרף, פון אַן אַנדער שטעטל, אָדער אונדזערס אַ גבירטע, צעשפּרייטסטו באַלד די קאָרטן איבערן טיש און לייענסט איר אויס פון דאָרט, ווי די פירזאָגערין אין שיל פון איר סידור. יעדער לעקט די פינגער פון דיין טרעפן אויף די קאָרטן. פאָרוואָס זשע זאָגסטו מיר אָפּ. איך ווייס דאָך, אַז נישט איבערן באַצאָלן. ווער מאַכט מיר דעם שבת, אַז נישט דו? ווער פאַרזאָרגט מיך מיט מצות אויף פסח, אַז נישט דו?"

אַזוי פלעגט טענהן צו יוכבדן מוסיע די אַלמנה. זי האָט געהאַט פינף מיידלעך. אין שטעטל פלעגט מען זאָגן: נעבעך, פינף דימענטן. אָבער די זיווגים האָבן זיך נישט

געאיילט. ווי מ׳זאָגט דאָס: ״אָן געלט קושט מען די מזוזה״. אָן נדן כאַפּט קיינער נישט אויס מוסיעס שיינע מיידלעך. זומער צייט פלעגן זיי אַלע פינף גיין אויף די בערעקעס. דאָס מיינט גיין אַרבעטן צום רייכן פויער אויפן פעלד, זעצן די בערעקעס, דערנאָך זיי אַרומגראָבן, באַאַרבעטן, האַרבסט צייט פלעגן זיי גיין אַראָפּנעמען די בערעקעס. און אין די ווינטער־טעג, אין די גרעסטע פרעסט, גרעסטע זאַווערוכע, אין די טיפע שנייען איבער די קניעס, זענען מוסיעס טעכטער, צוזאַמען מיט נאָך צענדליקער אָרעמע יידישע מיידלעך געגאַן 10 ווערטס צופוס, צום צוקער־זאַוואָד און אָפּגעאַרבעט דעם טאָג ביי דער שווערסטער שוואַרצער אַרבעט. האָט די דאָזיקע אלמנה, מוסיע, געוואָלט יוכבד זאָל איר פאָרויסזאָגן, וואָס עס דערוואַרט אירע מיידלעך.

״מוסיע - האָט איר יוכבד געענטפערט - איך טרעף אויף די קאָרטן נאָר יענעם, וועמען איך קען אינגאַנצן נישט, אָדער איך קען ווינציק. אָבער דיך קען איך דאָך פון קינדווייז אָן. ווער ווייסט נאָך מער דיין שווער לעבן ווי איך. וואָס ס׳איז געווען אין דיין לעבן ווייסטו אַליין, ווי אַזוי דיין לעבן זעט איצטער אויס, ווייסן מיר ביידע זייער גוט. אָבער, וואָס ס׳וועט זיין שפּעטער, ווייסט נאָר גאָט. איין זאַך קען איך דיר זאָגן אָן די קאָרטן. צו אַלעמען קומט זיין צייט. און נאָך קען איך דיר זאָגן, אַז קיין גוטע סחורה ווערט נישט פאַרליגערט. דיינע שיינע מיידלעך וועלן נישט פאַרזעסן ווערן. נעסיע, די עלצטע איז אַלט עטלעכע און צוואַנציק, דערפאַר איז זי שיין ווי גאָלד און זעט אויס יינגער אויף אַ יאָר פינף, די קלענצטע איז נאָך קיין פערצן נישט אַלט. וואָס זשע באַוויינסטו שוין זייער גורל? וועסט נאָך אַמאָל זאָגן, אַז דו האָסט אַ סך געוואַרט האָסטו גוט געמאַכט. וועסט נאָך דערמאָנען מיינע רייד״.

און יוכבד האָט עס אויסגערעדט אין אַ גוטער שעה. אין יענעם יאָר האָט מוסיע די אלמנה חתונה געמאַכט פיר מיידלעך, און אַלע האָבן מצליח געווען.

* * *

אין יענעם זומער, באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין 1945, ווען איך בין געשטאַנען מיט יוכבדס אייניקל, מיט בערעלען, ווי זי פלעגט אים רופן, ביים אַלגעמיינעם קבר און געכאַפּט אַ בליק אויף דעם בחור, האָט זיך ביי מיר נאָך מער פאַרקלעמט דאָס האַרץ. נישט ווילנדיק האָב איך זיך איבערגעטראָגן אינעם יאָר, ווען דער דאָזיקער שיינער יונגאַטש איז געבוירן געוואָרן. דאָס איז געווען אין 1919. כאָטש איך אַליין בין דעמאָלט אַלט געווען ביי די אַכט יאָר, איז יעדעס געשעעניש פון יענעם טאָג ביי מיר פאַרבליבן פריש, ווי גלייך ס׳וואָלט היינט געווען.

געשען איז דאָס אינעם אָנהייב פרילינג, אַרום 10 אַזייגער אין דער פרי. איבערן שטעטל האָט זיך צעטראָגן דער ביטערער סכנה אַלירעם: ״מ׳לויפט! דאָס האָט מען אַזוי איבערגעגעבן איינער דעם צווייטן מ׳זאָל זיך לויפן אויסבאַהאַלטן, ווייל אין שטעטל איז אַריין אַ באַנדע גזלנים. מענטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף די בוידעמער, אין די קעלערס. אייניקע האָבן אויסגעבויט ״סעקרעטן״, פאַרמאַסטקירטע ערטער, ווו מ׳האָט זיך אויסבאַהאַלטן און זייער אָפט אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן. מ׳פלעגט, צום ביישפיל, צו איין דרויסנדיקער וואַנט צובויען אַ צווייטע. מאַכן אַ פאַרמאַס־קירטן לאָך, דעם אַריינגאַנג, און דאָרט איז מען געשטאַנען שעהנוויז איינס אין אַנדערן, אויף די פיס, ביז די גזלנים האָבן פאַרלאָזט דאָס שטעטל. געווען איז אין שטעטל אַ זעלבשוץ. אַהין איז מען געגאַן פרייוויליג. דאָס האָבן די מאַנסבלען פון דער זעלבשוץ געגעבן צו וויסן דעם עולם ווען עס דערנעענטערט זיך אַ באַנדע און מ׳זאָל לויפן זיך אויבאַהאַלטן און ווען מ׳קען שוין אַרויסקריכן פון די באַהעלטענישן. אין אַ סך פאַלן האָבן די חברה פון דער זעלבשוץ

פאַרטיידיקט דאָס שטעטל, זיך קעגן געשטעלט די באַנדיטן, נאָר מ׳איז געווען שלעכט באַוואָפנט, די גאַנצע זעלבשוץ האָט פאַרמאָגט אין גאַנצן אַ פּאָר ביקסלעך, אַזוי, אַז אַ סך מאַנסבלען זענען אומגעקומען, שלאָגנדיק זיך מיט די באַנדיטן. די וואָס האָבן נישט געהאַט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן פלעגן זיך צונויפנעמען צו צענער משפחות אין איין שטוב.

יוכבדס שטיבל איז געשטאַנען אַרויס דעם שטעטל און נעענטער צום שכנישן דאָרף. דאָס שטיבל האָט זיך נישט אויסגעטיילט פון די דאָרפישע. דער שטרויענער דאַך - גלייך, ווי ספּעציעל אַרומגעשוירן. די דרויסנדיקע ווענט - ווייס. די פּריזבע אַרום דער שטוב - אויסגעשמירט מיט רויטער ליים. און אַ קוק טאָן אויף יוכבדן - אַן אמתע גויע. ווי אין די יונגע יאָרן האָט זי נאָך אַלץ געטראָגן די האָר פאַרפלאָכטן און אַרומדערייט איבערן קאָפּ. אָנגעטאָן איז זי געווען אין אַ ווייס אויסגענייט העמד מיט לאַנגע אַרבל. אויפן העמד האָט זי אַרויפגעשלעפּט אַ לאַנג ברייט גוייש קלייד. גערעדט האָט זי גוייש פּונקט ווי די דאָרפישע. אין פאַל פון אַ סכנה איז ביי יוכבדן די גאַנצע שטוב געווען געפּאַקט מיט מענטשן. מ׳איז געזעסן איינס ביים אַנדערן אויף די קעפּ. איר גרויסער קעלער איז געווען איבערגעפּולט מיט אַ האַלב שטעטל יונגע מיידלעך, פּאַר וועלכע די געפאַר איז געווען אַ סך שרעקלעכער ווי דער פּשוטער טויט. דאָס שטעטל איז שוין געווען גוט אָנגעלערנט. ווי נאָר די גזלנים האָבן געפּאַקט אַ יידיש מיידל, האָבן זיי זי נישט נאָר אומגליקלעך געמאַכט, נאָר זיי פלעגן זי צום סוף צובינדן מיט די צעפּ צום פערדס עק און זי אַרומשלעפּן איבער דער ערד אַזוי לאַנג ביז זי האָט נישט אָפּגעגעבן גאָט די נשמה.

יענעם פרילינג, ווען איר שטוב איז געווען געפּאַקט ווי קיין מאָל נישט, איז יוכבד געשטאַנען ביים פענצטער, עטוואָס אָפּגערוקט דאָס פאָרהענגל, און אַרויסגעקוקט אין דרויסן אַרויס. פון דער שיסעריי, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן שטעטל, האָט געציטערט דאָס פענצטער. אַלע, אַפילו די פּיצלעך קינדער, זענען געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. יוכבד האָט באַטראַכט איר עולם און ס׳האָט גענומען וואַרפן מיט איר. זי איז געשטאַנען ביים פענצטער און געזוכט אַן אויסוועג, טאָמער, חלילה, פּרווט אַ גזלן אַריינגיין צו איר אין שטוב אַריין. זי האָט אַלץ געזוכט אַ מיטל ווי נישט דערלאָזן צו דעם, אַלץ געקלערט, ווי אַזוי זי וועט זיך דאַרפן אויפפירן, ווען זי וועט אים דערזען גיין צו דער שטוב: "אַרויסלויפן אַנטקעגן און אים פאַררעדן מיט עפּעס די ציין, אָדער בלייבן אין שטוב און זיך נישט אָנרופן". און פּלוצים האָט זי דערזען דורכן פענצטער פעסיען, ציפּע דער סאַרווערנס טעכטערל. פעסיע איז געווען אַ יונג ווייבל, זי האָט שוין באַוויזן צו בלייבן אַ קיילעכדיקע יתומה. אַ גזלן איז אַריין אין שטוב, באַראַבעוועט זי און אויסגעשאָכטן איר טאַטע-מאַמע. זי האָט שוין אויך באַוויזן צו ווערן אַ יונגע אלמנה. איר ליבער מאַן, איר בערל, וואָס איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער אין דער זעלבשוץ, איז אויך, מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אומגעקומען אין אַ נישט גלייכן קאַמף מיט אַ פּאָר גזלנים. און אויב דאָס איז נאָך קאַרג, איז פעסיע געווען טראָגנדיק, שוין אין די לעצטע טעג. ווען ס׳האָט זיך דערהערט דער אַלאַרם "מ׳לויפט!", האָט זיך ביי פעסיען אָנגעהויבן אַזעלכע ווייען, אַז זי האָט זיך נישט געקענט רירן פונעם אָרט. ערשט שפּעטער, אין אַ האַלבער שעה אַרום, ווען די ווייען האָבן אַ ביסל נאָכגעלאָזט, האָט זי גענומען לויפן צו יוכבדן. יענע האָט געזען ווי זי לויפט מיט אַלע כוחות, אָבער צו דער שטוב איז זי נישט דערלאָפן. זי איז אומגעפאַלן נישט ווייט פונעם

שליאַך. ס'האָבן זי נאָך אַ מאָל אַרום געכאַפּט די ווייען און דאָס קינד האָט גענומען גיין אויף דער וועלט. נישט לאַנג געטראַכט איז יוכבד אַרויס צו איר.

מיט ציטערנדיקע הענט האָט זי זיך איבערגעבויגן איבער דער קימפּעטאָרן, גענומען ביי איר דאָס קינד, עס אָפּגעטיילט פון דער מוטער און דערביי געשעפּטשעט צו זיך אַליין: "אין אַזאַ צייט, אין אַזאַ צייט. פּעסיע, פּעסיע, נישט אין אַזאַ צושטאַנד האָב איך דיך גענומען ביי דיין מאַמען, צוריק מיט צוויי צענדליק יאָר. ווען דיין מאַמע טוט אַ קוק, אין אַ וועלכער לאַגע איר אייניקל קומט אויף דער וועלט, וואָלט זי דאָס צווייטע מאָל אַוועק אין קבר אַריין. ביסט דאָך געווען ביי איר דאָס צאַפּל פונעם אויג. זי האָט דעם שטויב אָפּגעבלאָזן פון דיר. זאָל זי שוין לויפן בעטן פאַר דיר און פאַר איר אייניק".

יוכבד איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין איר אַרבעט אַרום דער קימפּעטאָרין, אַז זי האָט נישט געהערט, ווי עס דערנענטערן זיך צו איר צוויי יונגע שקאָצים, באַוואָפנטע מיט ביקסן און מיט גרויסע קלומיקעס אויף די פּלייצעס. דאָס זענען זיי געגאַן צו דער בריק, וווּ ס'איז געשטאַנען דער וואָגן אויף וועלכן די גזלנים האָבן צונויפגעלייגט דאָס אָנגעראַבעוועטע יידישע פאַרמעג. ווען זי האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעגלייכט, האַלטנדיק אין ביידע הענט דאָס עופהלע, האָט זי דערזען די גזלנים, שוין נישט וויט פון זיך. זי האָט אַ שפּאַן געטאָן זיי אַנטקעגן, אויסגעשטרעקט צו זיי ביידע הענט, אין וועלכע זי האָט געהאַלטן דאָס קינד, זיך הילכיק צעלאַכט און זיך אָנגערופן: "זונדעלעך מיינע, שיינהייטן מיינע, איר ווילט אַ קוק טאָן ווי אַזוי איר האָט אויסגעזען ווען איר זענט געבוירן געוואָרן? אָט אַזעלכע אַנטיקטן וועט איר אויך שאַפן, ווען איר וועט ווערן טאַטעס". די צוויי שקאָצים האָבן באַטראַכט דאָס בלאָע, לעבעדיק שטיקל פליש, וואָס האָט שוין אַרויסגעלאָזט פונעם מיילעכל מאָדנע געוואַלדן, דערפילנדיק די נייע לעבעדיקע וועלט. זיי האָבן זיך אַזש פאַרקרימט. איינער פון זיי האָט אַ פרעג געטאָן: "פּאַרוואָס אָט אָ דאַ, אַ?".

"זי איז פונעם דאָרף, וואָס ליגט נאָך דער בריק. זי איז געגאַן צו מיר צו גאַסט און ס'איז איר אָנגעקומען. און דאָ, אַז ס'קומט אָן אַזאַ זאַך, זאָל גאָט אָפּהיטן. דער מאַן אירער ווייסט. ער איז אַוועק צו זיך אין דאָרף אַריין ברענגען אַ פורל און זי נעמען אַהיים". די צוויי שקאָצים האָבן זיך איבערגעקוקט. דער זעלבער, וואָס האָט געפרעגט די שאלה האָט אַ זאָג געטאָן: "אין אַ גוטער שעה". אַ ווונק געטאָן דעם צווייטן, און ביידע האָבן זיך געלאָזט אַראָפּ דעם שליאַך. יוכבד איז געבליבן שטיין מיטן קינד אין די אויסגעשטרעקטע הענט ביז די צוויי גזלנים זענען נישט פאַרשוווּנדן פון אירע אויגן. דערפילט, אַז די פיס דינען איר שוין נישט, אָט, אָט האַקן זיי זיך אונטער, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. זי איז געזעסן און דעם אָטעם לאַנג נישט געקאָנט כאַפּן. געקומען אַ ביסל צו זיך, האָט זי הויך גענומען טענהן צום אויבערשטן: "איך דאַנק דיר, גאָטעניו, וואָס דו האָטס מיר געשענקט דעם כוח זיך די האַלטן אין די הענט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן דעם געדאַנק אַ שטופּ צו טאָן דאָס קינד די גזלנים און זיך צעלאַכן, וואָס האָסט מיר אונטערגעזאָגט ווי אַזוי צו רעדן מיט זיי. וואָס וואָלט געווען, ווען זיי דערקענען אין מיר אַ יידישע? וואָס וואָלט געווען מיטן פריש געבוירענעם עופהלע, מיט דער יונגער מוטער און מיט אַלע מענטשן אין מיין פול געפּאַקטער שטוב?"

זי האָט זיך פאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער ערד. אַראָפּגעשלעפּט פון זיך דאָס ברייטע גויישע קלייד, אַרומגעוויקלט דאָס קינד און עס אַוועקגעטראָגן אין שטוב אַריין. דערנאָך האָט זי זיך אומגעקערט העלפן דער קימפּעטאָרין דערשלעפּן זיך צו דער שטוב.

די דאָזיקע באַנדע איז שוין געווען די לעצטע, וואָס דאָס שטעטל האָט געזען. נאָר אומגליקן האָבן זיי אָנגעמאַכט די ערגסטע. אין איינער אַ גרויסער שטוב, ווו עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ פּאָר צענדליק מישפּחות, האָבן די גזלנים, ווי הייפּטלעך קרויט, מיט זייערע שווערדן צעבראָקט ביז איין מענטש. געפונען האָט מען לעבעדיק בלויז איין פּיצעלע קינד. ס'איז געלעגן ביי דער זייט פון דער מוטער און געצויגן איר האַלב פּאַרגליווערטע בריסט. און ווען ס'קומט נישט אָן צו דער צייט צו הילף דער זעלבשוץ אַ גרופּע רויטאַרמייער פון דעם רייאָן, וואָלט אין שטעטל זיך געגאָסן נאָך מער טייכן בלוט איבער אַלע גאַסן.

* * *

יוכבד האָט שוין פּעסיען פון איר שטוב נישט אַרויסגעלאָזט. זיי זענען פּאַרבליבן לעבן צוזאַמען, ווי אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, אָדער ריכטיקער געזאָגט, ווי אַ באָבע מיט אַן אייניקל און מיט אַן אוראייניקל. דעם יינגעלע האָט מען אַ נאָמען געגעבן בערעלע, נאָכן טאַטן זיינעם. און ביידע, פּעסיע מיט יוכבדן האָבן פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט. נאָר פּעסיע האָט געהאַט אַ ביטערן גורל, דאָס האַרץ האָט זיך געלאָזט הערן, אירע גרויסע צרות, די שווערע איבערלעבענישן האָבן עס אָפּגעשוואַכט זי איז יונג אַוועק פון דער וועלט און איבערגעלאָזט דאָס דריי יאָריקע בערעלע אויף יוכבדס הענט.

זי האָט אויפגעצויגן און דערצויגן איר בערעלען. מ'האָט באַדאַרפט זען, ווי זי האָט שטאָלצירט מיט אים, ווען ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין שול פון די פעיקסטע קינדער. און זי האָט זיך נישט אויפגעהערט באַרימען מיט אים, ווען ער איז אַוועק לערנען אין דער מיליטער־אַקאַדעמיע און געוואָרן אַ פּילאָט. ס'קען זיין, ווען די דייטשן פּאַרניכטן ניט איר לעבן, וואָלט זי זיך נאָך אַ סך יאָרן געגרויסט מיט איר בערעלען. מיט דעם שיינעם בחור וואָס שטייט איצט ביי איר קבר און עס רינען אים גרויסע טרערן פון די אויגן.

דער יידישער קולטור קלוב אין ל.אַ., די אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"
באַגריסן דעם פּאָעט און רעדאַקטאָר

# משה שקליאַר

צו זיין באַקומען דעם פּרעסטיזשפולן "דוד האָפּשטיין־פּרייז"
פּאַר ליטעראַרישע שאַפונגען אין יידיש.
מיר זיינען שטאָלץ מיט זיינע ליטעראַרישע דערגרייכונגען
זיין צאַרטקייט, לירישקייט שאַפן אַן אייגנאַרטיקן אָטעם אין זיין
פּאָעטישן שאַפונגס־וועג.
מיר ווינטשן אים יאָרן פון פּרוכטבאַרער אַרבעט און דערגרייכן די
יונגע דורות מיט דער שיינקייט פון זיין וואָרט.
פּאַר דער פּאַרוואַלטונג און מידגלידערשאַפט

**לילקע מייזנער - פּאַרזיצער**
**יוסף סאָסקי - סעקרעטאַר**

גרוניא סלוצקי־קאהן / מאָנטרעאָל

# דער רויטער האָן

דער רויטער האָן
האָט נייע שטיוול אָנגעטאָן.
ווי אַן אָפיציר,
און געלאָזט זיך אויף שפּאַציר.
פאַריסן די נאָז,
כ׳ווייס אַליין נישט פאַרוואָס.
דערזען האָט דער רויטער האָן
אַ הינדעלע אַ קליין.
אָנגעטאָן אַזוי שיין.
פאַרגעסן אַלע זיינע הינער
אין שטאַל, זיין גאַנצע ״אַרמיי״,
וואָס ליגט אויפן שטרוי
און וואַרט אויף זייער ״גענעראַל״.
דער האָן האָט ליב געהאַט זיך צו פאַרווייל\ן.
געלאָפן גאַנצע מיילן
אַבי אַ פרישע הינדעלע צו כאַפּן,
פאַרדרייען איר דעם קאָפּ,
און דאַן מיט די שטאַרקע פליגלען קלאַפּן
און לויפן ווייטער.
ביז געטראָפן האָט ער יונגע הינער צוויי:
אַ שוואַרצע און אַ ווייסע.
״וועלכע זאָל איך אויסקלייבן פון זיי?״
״קאָ־קאָ־קאָ״, זאָגט די ווייסע,
״קאָ־קאָ, קאָ־קאָ, קאָ־קאָ,
ער איז שוין ווידער דאָ״,
זאָגט די שוואַרצע.
״איך האָב נישט ליב קיין רויטן האָן
אין רויטע שטיוול אָנגעטאָן.
״זוך זיך אַ צווייטע״.
״און איך האָב ליב אַ רויטן״,
זאָגט די ווייסע:
דאָ איז געקומען צו לויפן אַ רויטע, פעטע הון:
״כ׳האָב געלייגט אַ גרויסע איי,
מיט געלעכלעך צוויי,
ס׳וועט זיין אַ צווילינג״.
דערהערט האָט דאָס דער רויטער האָן,
האָט ער זיין קרוין איר אָנגעטאָן.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע
## ניי בוך געזאַמלטע לידער פון שמחה סימכאָוויטש

אין טאָראָנטאָ איז דערשינען אַ ניי בוך, "דעם נצח אַנטקעגן" (געזאַמלטע לידער) פון באַקאַנטן טאָראָנטער דיכטער שמחה סימכאָוויטש. דאָס בוך איז אַ צונויפזאַמלונג פון סימכאָוויטשעס לעצטע דריי לידערביכער: "צער און טרייסט" (מאָנטרעאַל, 1989), "בלענדיקער האַרבסט" (טאָראָנטאָ, 1990) און "פונקען אין זשאַר" (טאָראָנטאָ, 1997). די לידער און פּאָעמעס פון די דריי ביכער, ווי אויך אַ צאָל נייע שאַפונגען, זענען אויף ס'ניי אויסגעסדרט געוואָרן אין פינעף טעמאַטישע ציקלען, וואָס שפּיגלען, אָפּ דעם דיכטערס לעבן און שאַפן פאַר איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

"דער נצח אַנטקעגן", אַ בוך פון 266 זייטן, עסטעטיש אַרויסגעגעבן, קאָן מען באַקומען דורך שיקן אַ טשעק אויף 20 דאָלער צו:

S. Simchovitch Book Fund,
17 Tillplain Rd., North York, ONT, M3H 5R1, CANADA

* **מאיר באָגדאַנסקי**: לידער־אַנטאָלאָגיע, פערטער באַנד, לאָנדאָן. דאָס איז אַ זאַמלונג פון עטלעכע און פופציק יידישע לידער פון באַקאַנטע און ווייניקער באַקאַנטע יידישע פּאָעטן, מיט נאָטן און איבערזעצונגען אין ענגליש. סיי די נאָטן און סיי די איבערזעצונגען זענען פון מחבר.

* **"די צוקונפט"**, נומ׳ 2–3, נאָוועמבער 2002, ניו־יאָרק. אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. רעדאַקטאָר: **איציק גאָטעסמאַן**.

* **"יידישע קולטור"**, נומ׳ 8–10, אויגוסט־אָקטאָבער 2002, ניו־יאָרק. חודש־שריפט פון יידישן קולטור־פאַרבאַנד. רעדאַקטאָר: **איטשע גאָלדבערג**; רעדאַקציע־סעקרעטאַר: **שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש**.

* **"אויפן שוועל"**, געזעלשאַפטלעך ליטעראַרישער קוואַרטלניק, אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע, ניו־יאָרק, יולי־דעצעמבער 2002. רעדאַקטאָר: **ד"ר מרדכי שעכטער**.

* **"אונדזער צייט"**, מערץ־יולי 2003, ניו־יאָרק. אָרגאַן פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון בונד. רעדאַקטירט פון אַ קאָלעגיע.

* **"לעבנס־פראַגן"**, סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפט און קולטור. יולי־אויגוסט 2003, תל־אביב. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

* **"יידישע העפטן"**, נומ׳ 72, יוני 2003. אַ גרויסער טייל פונעם נומער איז געווידמעט דעם 90־סטן געבוירן־יאָר פון **אברהם סוצקעווער**. רעדאַקטירט פון אַ קאָמיטעט.

* **"צום פונקט"**, יידיש פון גרויסט־וואַשינגטאָן, מאַי־יוני 2003, יידיש־ענגליש. רעדאַקטאָר פון יידישן טייל: **מרדכי האַרצמאַן**. רעדאַקטאָר פון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**.

* Lydia Frolov: "Twin Sisters", a novel, 262 pp. Los Angeles, 2002

* Lydia Frolov: "Test of Love", short stories, 253 pp. Los Angeles, 1992

# כראָניק פון לאָס־אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב

## 2002

* מוצאי שבת דעם 3־טן אָקטאָבער. פּייערלעכע דערעפענונג פון קולטור־סעזאָן. **דזשאַש וואַלעצקי**, קאָמפּאָזיטאָר פון יידישער מוזיק און ליד, לעקציע אד"ט: "דאָס געלעכטער אין יידישן פאָלקס־ליד".
* מוצאי שבת דעם 21־סטן אָקטאָבער. לעקציע פון **לילקע מייזנער** אד"ט: "חיים פּאָטאָק - ספּעציפישקייט אין זיין שאַפונגס־וועג". מוזיקאַלישער פּראָגראַם.
* מוצאי שבת דעם 9־טן נאָוועמבער. לעקציע פון פּראָפ' **זדשאַנעט האַדאַ** אד"ט: "אין ניו־יאָרק מיט משה לייב האַלפּערן". מוזיקאַלישער פּראָגראַם.
* מוצאי שבת דעם 23־סטן נאָוועמבער. פּראָפ **מאַרווין צוקערמאַן**, לעקציע אד"ט: "די יידישע סוועט־שאָפּ פּאָעטן". געזאַנג פון אַרבעטער - און קאַמפּס־לידער.
* מוצאי שבת דעם 14־טן דעצעמבער. אָנפירנדיקער טוער פון דער שלום־אָרגאַניזאַציע, **הערשל האַרטמאַן**; "נייער בליק אויף יידישע יום־טובים".

## 2003

* מוצאי שבת דעם 11־טן יאַנואַר. לעקציע פון דער דיכטערין **טרוים קאַץ־הענדלער** אד"ט: "דער יידישער דיכטער מעינקע קאַץ - מיין פאָטער".
* מוצא שבת דעם 23־סטן יאַנואַר. דער אַקטיאָר **יעקב לעווין** האָט פּאָרגעלייענט פון די ווערק פון משה קולבאַק. אין מוזיקאַלישן טייל זענען געזונגען געוואָרן קולבאַקס לידער.
* מוצאי שבת דעם 8־טן פעברואַר. קאָנצערט פון באַוווסטן חזן **הערשל פאַקס**, אין פּראָגרם: "לאָמיר זינגען יידיש".
* מוצאי שבת דעם 22־סטן פעברואַר. וועגן די "העלדן" פון כעלעם האָט גערעדט און פאָרגעלייענט **יעקב באַסנער**.
* מוצאי שבת דעם 8־טן מערץ: "לאָס אַנדזשעלעס אין יידישן וואָרט", מיטן אָנטייל פון אָרטיקע שרייבערס און דעם פאָרלייענער **יעקב לעווין**. מוזיקאַלישער טייל: סעם און אַלאַ קאַנווייזער.
* מוצאי שבת דעם 29־סטן מערץ. לעקציע פון **סאַבעל בענדער** אד"ט: "יידישער אַוואַנגאַרד־טעאַטער".

←

---

**לידיאַ פּראָלאָוו** איז 93 יאָר אַלט, אַן אימיגראַנטין פון געוועזענעם סאָוועט־פאַרבאַנד, וווינט אין לאָס אַנדזשעלעס און שרייבט אין דריי שפּראַכן: רוסיש, ענגליש און יידיש. אירע ביכער דרוקן זיך אין רוסלאַנד אין גרויסע טיראַזשן; אין לאָס־אַנדזשעלעס זענען דערשינען, ביי דער מיטהילף פון איר זון **פעליקס פּראָלאָוו**, עטלעכע ביכער. מיר דרוקן היינט, צום ערשטן מאָל אין "חשבון", איר דערציילונג. "די באָבע יוכבד".

* **"Der Bay"**, voice of the International Association of Yiddish Clubs March 2003. Editor: Philip "Fishl" Kutner.

* מוצאי שבת דעם 12־טן אַפּריל. יידישער פּאָעזיע־קאַבאַרעט מיטן אָנטייל פון: **יעקב לעווין, שרה מאָסקאָוויטש, פּיניע פּלאָטקין, מרים קאַראַל, זיסל סטערלין** און **משה שקליאַר**. פאַרבינדונגס־וואָרט: **לילקע מייזנער**. לידער פון אָרטיקע פּאָעטן און קאָמפּאָזיטאָרן האָט געזונגען **ריסאַ איגעלפעלד**.

* מוצאי שבת דעם 19־טן אַפּריל. אָנדענק־אָוונט צום 60־סטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, אָרגאַניזירט דורך אַ פאַראייניקטן קאָמיטעט פון סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס. דער אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן אין גרויסן זאַל פון יידישן קאָמיוניטי־צענטער. צווישן די באַטייליקטע אין קינסטלערישן פּראָגראַם איז געווען דער באַוווסטער אַקטיאָר **טעאָדאָר ביקעל**.

* מוצאי שבת דעם 3־טן מאַי. לעקציע פון **פּראָפ הערשל סלוצקי** אד"ט: "די ווייסע רויז" – די דייטשישע סטודענטישע אַנטי־נאַצי באַוועגונג פון יאָר 1942.

* מוצאי שבת דעם 17־טן מאַי. אַלגעמיינע מיטגלידער־פאַרזאַמלונג.

* מוצאי שבת דעם 17־טן יוני. קאָנצערט צום שלוס פונעם קולטור־סעזאָן מיטן אָנטייל פון באַוווסטן יידישן אַקטיאָר און זינגער **העיל פּאָרטער**.

* * *

אָרגאַניזירט דורך אַ קאָמיטעט פון סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס־אַנדזשעלעס: אַרבעטער־רינג, יידישער קולטור־קלוב, שלום־געזעלשאַפט, "יידישקייט" א"א, איז שבת דעם 10־טן אויגוסט פאָרגעקומען, אין זאַל פון אַרבעטער־רינג, אַן אָנדענק־פאַרזאַמלונג לכבוד די אומגעבראַכטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס.

נאָך די אַריינפיר־ווערטער פון **עריק גאָרדאָן** (אַרבעטער־רינג) און **לילקע מייזנער** (יידישער קולטור־קלוב) איז דורגעפירט געוואָרן אַ קינסטלערישער פּראָגראַם אין יידיש און ענגליש. עס זענען געזונגען געוואָרן, צום ערשטן מאָל, לידער פון די אומגעבראַכטע שרייבערס צו וועלכע עס האָט געשאַפן מוזיק דער לאָנדאָנער קאָמפּאָזיטאָר **מאיר באָגדאַנסקי**. די באַוווסטע זינגערין **ווענעסאַ פּאַלאָמאַ** האָט אויסגעפילט די לידער מיט אַ סך האַרץ און געפיל. ביי דער פּיאַנאָ: רות יודקעוויטש.

די נאַראַציע און ענגלישע איבערזעצונג האָט צוגעגרייט **הערשל האַרטמאַן**, וועלכער האָט אויך, צוזאַמען מיט **דעבאָראַ קיי** און **עריק גאָרדאָן** פאָרגעלייענט די לידער אין יידיש און אין ענגליש, באַגלייט מיט קורצע ביאָגראַפישע שטריכן פון די אומגעבראַכטע דיכטערס.

די אָנדענק־פאַרזאַמלונג האָט געמאַכט אַ טיפן איינדרוק אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם.

---


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**JACOB LEWIN**

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 232 939-7379 פאַרוואַלטונג "חשבון"

# אַוועק פון אונדז צבי הירש ז"ל

דעם 5־טן יוני היינטיקס יאָר איז אַוועק אין דער אייביקייט צבי הירש. אַ נאָמען, אַ מענטש, אַ טאַטע, מאַן, אַ געזעלשאַפלעכער טוער און אַ טייערער חבר. זיין גאַנץ באַוווּסטזיניק לעבן פאַרבונדן געווען מיט דעם סאָציאַליסטישן צווייג פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און גלייכצייטיק מיט דער יידישער קולטור און אַלע אירע ווערטן. געווען איז ער אַ פּראָדוקט פון דעם מזרח־אייראָפּעישן יידישן שטאַם, אַ שטאָלצער ייד, אַ יוגנט־טרוימער.

געבוירן און אויסגעוואַקסן אין דעם פּויליש גאַליציאַנישן שטעטל הוסיאַקי אין אַ יידישער טראַדיציאָנעלער היים, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די אַלטע טראַדיציעס פון היים און די נייע אידעען פון אַרום. צבי הירש, דער יונגער בחור, וועלכער האָט געשלונגען יידישע ביכער, געטרוימט וועגן פרייהייט אין אַן אייגענער יידיש נאַציאָנאַלער היים, האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם חלום און וואָר און אין דעם שפּעטערדיקן גאַנג געוואָרן אַקטיוו אין דעם פּאָליטישן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

צבי הירש האָט געהערט צו דעם דור פון נע־ווענדניקעס. די מלחמה־ווינטן האָבן אים פאַריאָגט אין ווייטן רוסלאַנד, ווו ער ווערט אַ סאָלדאַט אין דער רויטער אַרמיי. ער קעמפט מיט בראַווקייט און פּולן באַוווּסטזיין בייצוקומען די האַרדעס פון נאַציזם, ביז ער דערגרייכט מיט דער אַרמיי צו די טויערן פון בערלין. צבי הירש איז אַ גוטער אָבסערוואַטאָר און איבערדערציילער פון געשעענישן. ער נעמט די פּעדער אין האַנט און הייבט אָן צו נאָטירן אַלע פּאַסירונגען. די באַשרייבונגען פון זיינע איבערלעבונגען ווערן געדרוקט אין יידישע אויסגאַבעס אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, און שפּעטער אין אַמעריקע. זיי זענען בילדעריש געמאָלן, פול מיט געפיל און עמאָציע.

ווען צבי און זיין פרוי טאָני קומען קיין אַמעריקע און באַזעצן זיך פריער אין ניו־יאָרק און שפּעטער אין לאָס אַנדזשעלעס - באַרייכערן זיי די געזעלשאַפט מיט וועלכער זיי זענען פאַרבונדן. ער איז טעטיק אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און אין דעם יידישן קולטור קלוב, ווו ער איז מיטפאָרזיצער און ראַטגעבער.

מיר האָבן אַלע געהאַט דרך־ארץ פאַר זיינע אָפּשאַצונגען, באַמערקונגען, פאַר זיין באַשיידנקייט און גרייטקייט צו העלפן. ער האָט געטאָן זיין אַרבעט שטיל, רויק, מיט אַזוי פיל ליבע. ליבע צום קלוב, און צו אַלץ וואָס דער קלוב שטעלט מיט זיך פאָר. ער איז במשך פון יאָרן געווען איינער פון די אַדמיניסטראַטאָרן פון אונדזער ליטעראַרישן מאַגאַזין "חשבון" און געטאָן זיין אַרבעט מיט גרויס איבערגעגעבנקייט

איז אָט דער שטאָלצער, באַשיידענער, טייערער צבי אַוועק פון אונדז - איז פּוסט געוואָרן זיין אָרט. זיין הויך, גלייך געשטאַלט איז פאַרשוווּנדן. זיינע מיינונגען און באַמערקונגען וועלן אונדז פעלן. ער איז געווען אונדזער צבי הירש, מיט וועלכן מיר האָבן געאַרבעט אַזוי פיל יאָרן. צוזאַמען געזאָרגט און געוויטיקט, אויב עפּעס איז נישט גוט געגאַנגען. ווערן אונדזערע רייען קלענער און אָרעמער! אַזוי איז דער גאַנג פון דער וועלט.

ווילן מיר נאָר זאָגן צו זיין טייערער לעבנס־באַגלייטערן טאָני, צו זיין זון, אילאַי און פרוי ירית, צו זיין איבערגעגעבענעם ברודער, ליאָן און פרוי פראַנסיס - אונדזערע ווערטער פון טרויער און ליבע. צבי, איר זייט געווען אַ ביישפּיל. איינער, וועלכער האָט געהערט צו דעם דור פון יונגע טרוימער, צו דעם דור, וועלכער האָט געהייסן - דאָס פּוילישע יידנטום - איינער פון זיי!

ל־ע

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---


## דער דיסטריקט קאמיטעט פון
# אַ ר ב ע ט ע ר ר י נ ג

**שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

**ARBETER RING/
THE WORKMEN'S CIRCLE**

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

אָדער טעלעפאָנירט (310) 552-2007



## דער לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

*שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם*

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה



**ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג**

**טשענקין ווייסבערג, פרעז.**

אַ האַרציקער מזל־טוב

צו אונזער

**משה שקליאַר**

פּאָעט, קולטור־טוער, מענטש

**לכבוד דער האָפּשטיין־פּרעמיע**

**און**

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן

צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע

און לייענערס פון "חשבון".

זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין

ביים פאַרשפּרייטן

און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות,

אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע

אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**

בעטעסדאַ, מערילענד

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**הירש, טאָני**

**אין אָנדענק פון מיין ליבהאַרציקן מאַן**

**צבי ז"ל**

---

לכבוד מיין אייניקל

**אילנה**

וועלכע האָט היינטיקס יאָר
גראַדוירט פון אַלבאַני מעדיקל קאָלעדזש
און חתונה געהאט פאַר

**יעקב באָראָ**

מיט פרייד און בעסטע ווונטשן

**מיכאל זאַיאָנץ**

---

**ליינער, שמחה און משפחה**

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לעווענטאַל, בעבאַ און לי

לכבוד דעם יידישן קולטור־קלוב

מיט גרויסער ליבשאַפט און בענקשאַפט
נאָך אייער הויכן קולטורעלן און שפּראַך־ניוואָ,
נאָך אייער אידעאַליזם,

מיט האַרציקע גרוסן

**מיקי סאַפּאַדי**

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**לי לעווענטאַל - סעק.**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

די רעדאַקציע פון דעם פלאָרידער יידישן זשורנאַל
"דער אָנהייב" שיקט אונדזער עלטערן ברודער
"חשבון" טראַדיציאָנעלע ניי־יאָר ווונטשן
און אַ רפואה שלמה פאַר אונדזער גוטן פריינד
**נתן שטיינמאַן.**

**חיים לעווין** (רעדאַקציע־סעקרעטאַר)

---

לשנה טובה און אַ רפואה שלמה
פאַר אונדזער פריינד
**נתן שטיינמאַן.**

הרב **מרדכי קיעל**, ניו־יאָרק

---

מיינע בעסטע גרוסן און ווונטשן דעם זשורנאַל
"חשבון" פאַר אַ געזונט און גליקלעך יאָר
און שלום אויף דער וועלט.

**אברהם האַרטשיק**, מיאַמי

---

**ווינקלער, יוסף**, מעלבורן

---

**סילבער, אַדעל און אייזיק**

בעסטע ווונטשן פאַר אַ גוט, געזונט יאָר
שלום אין ישראל און דער וועלט!

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**בלושטיין שרה**

---

**טאַלעראַנט עמאַ**

---

**מייזנער לילקע**

---

**פּערטשוק טויבע**

---

**קאַפּלאַן רחל**

---

**ד"ר שייפער, בענסאָן און דאַנאַ –**

פּאָרטלאַנד, אָרעגאַן

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

באַכראַך, מרים

באַלבער, מאַרק

באַראָוויק, לייב

בענדער, סיבעל

גאָטעסמאַן בעלאַ און איציק

דאָבינס, שרה

הענלי, מאַשאַ

האַדאַ, זשאַנעט
און טאָבין אַלען

הענדלער,
טרוים און פראַנק

ווייס, עדנאַ
וועלטמאַן, פראַניע

זעלמאַן, קובאַ

טשעסנין, פימאַ און רחל

לובין דוד

לעווין, יעקב און רעגינע

מאַלעוויטש, פסח און זעלדע

מיד, בנימין און וולאַדקע

ניומאַן, דאַניעל

פראָפ' מאָסקאָוויטש,
שרה און איציק

סאָסקי,
יוסף און העלען

סטעמפּעל טינאַ

סטערלין, זיסל

ד"ר פּאַרעל, חיים און ראָוז

ד"ר פישמאַן,
בערט און בעטי

ד"ר פישמאַן,
שיקל, געלע און משפּחה

פּיילי אהרון

רייך, פּנחס, שיינדל
און פאַמיליע

שאַפּיראָ, רעי און מאַרטין

שוואַרץ רעניי

שיין, ען און לוסי

שלאָסער נעכע

שווייצער לאה

---

באַסנער יעקב

בורמאַן געניע

גודמאַן קעי

זאַלען, ריטשאַרד און ען

ליפשיץ אסתר

מעלניק, משה און אַדינאַ

פּערלסאָן רחל

קאהן גאָלדי

שטיינמאַן נתן

שלאָסמאַן לינעט

שקליאַר, משה און דבורה